STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04959

MOTIVN FUN TSIG UN TSIGELE

Abraham Backer

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Arthur Minerof
in memory of
Pearl Cotler Minerof

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם בעקער

מאָטיוון פון ציג און ציגעלע

אַ שטודיע

ה. לייוויק - פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

ABRAHAM BACKER

MOTIVES OF GOAT AND KID

A Study

H. Leivik Publishing House
30 Dov Hoz St. Tel-Aviv 63416, ISRAEL

ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב, רח' דוב הוז 30

© Copyrikht 1987
All rights reserved

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל תשמ"ז
דפוס משה חמיאל . תל־אביב . טל: 333055

אינהאַלט

5 אַריינפיר־וואָרט
9 דער ציג־מאָטיוו אין דער מיטאָלאָגיע פון פעלקער
18 דער ציגעלע־מאָטיוו אין תנ״ך
22 די ציג אין דער תלמודישער אגדה
29 פון אַמאַלטעיאַ ביז צו חד גדיא און נאָך ווייטער...
33 דער מהות פון פאָלקסליד
35 פאָלקסלידער נוסח חד גדיא
45 ליטעראַרישע חד גדיא־לידער
49 ליטעראַרישע ציגלידער
81 דער ציג־מאָטיוו אין הומאָר
93 די ציג און דער שניידער
95 דאָס ציגעלע אין וויגלידער
103 דאָס ציגעלע אין טרויער־לידער
140 די ציג אין דער קונסט
148 די ציג אין דער אסטראָלאָגיע און אין דער געאָגראַפיע
153 ביבליאָגראַפיע
158 אינדעקס פון נעמען

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע״ש י. רבינוביץ

אַרײַנפֿיר־וואָרט

שפּילעוודיק, ערנסט גייט אַרום דאָס ציגעלע אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַברהם בעקער פֿאָלגט נאָך איר שיינקייט, איר צער, איר שטילקייט.

אַזוי ווי די פּאַווע, אַזוי דאָס ציגעלע. מיט אַ סך ליבשאַפֿט נעמט עס אויף אין ליד, אין פּראָזע דער ייִדישער דיכטער, דער ייִדישער פּראָזאַיִקער.

ביי קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז שוין דאָ אַ פּאַסטעך, וואָס האָט אַפֿילו קיין ציג נישט געהאַט, אָבער לאָנקעס גרינע האָט ער יאָ געהאַט.

אָן אַ ציג ליגן פֿאַרטריקנט די לאָנקעס די גרינע.

אַברהם בעקער גייט מיט אַ סך ליבשאַפֿט אויף די גרינע לאָנ־קעס פֿון דער ייִדישער דיכטונג, אויף זיי שפּרינגט אַרום דאָס ציגעלע מיט חן, מיט פּחד.

דאָס ציגעלע פֿון חד־גדיא שאַלט און קנאַלט מיט אַ מוסר־השׂכל. דער ייִדישער דיכטער איז איר שומר. אַברהם בעקער איז אַ געטרײַער וועכטער פֿון דעם מאָטיוו.

דער מחבר פֿון דעם עסיי טאָגט און נעכטיקט אין די שורות פֿון צענדליקער דיכטער, וועלכע האָבן געשפּײַזט דאָס ליד מיט דעם וווּנדערלעכן מאָטיוו: דאָס ציגעלע.

„איין ציקליין, איין ציקליין / דאָס האָט געקויפט דאָס פּאַטער־ליין / אום צוויי שילינג־פּעניג“, איז געקומען די ייִדישע מאַמע און האָט אויסגעזונגען דאָס שענסטע און פּאָפּולערסטע ליד:

„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע שטייט אַ גאָלדן ציגעלע / דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען / ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“.

איז געקומען איציק מאַנגער און האָט באַפרײַט דאָס ציגעלע פון די שטריק, פון ענגשאַפט און האָט אים געשאָנקען אַריכות־ימים אויף די גרינע לאָנקעס: „טאָ וווּזשע איז דאָס ציגעלע? / ס׳שפּרינגט אַרום אין פעלד / און האָט הנאה פון דער זון / און פון דער גאַנצער וועלט“.

און דאַכט זיך איך, אַז אַברהם בעקער, גייענדיק אין די פוס־טריט פון דעם מאָטיוו מיט אַ סך ליבשאַפט, קענטשאַפט און אַחריות, שפּרינגט אויך אַרום אין פעלד און האָט הנאה פון דעם סדר־יום און סדר־עולם פון אַ ציגעלע, וואָס שפּרינגט אַרום אין פעלד.

דאָס ציגעלע האָט צוגעמעקעט דעם מילדן ניגון. ביז הײַנט צו טאָג, ווו נאָר ס׳איז דאָ אַ ייִדישע היים מיט אַ זשאַרקעלע שלווה, קומט אָן דאָס ציגעלע מיט דער ייִדישער מאַמע בײַם קינדס וויגל.

קלענער, אײַנגעשרומפּענער איז געוואָרן דער חלום פון קינד, ווען דער שוחט האָט דאָס ציגעלע געקוילעט. צעבערעקלט איז דער חלום געוואָרן, ווען מאַנגער האָט אויסגעזונגען:

„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע / ליגט געקוילעט דאָס גאָלדענע ציגעלע — ס׳איז די שעה פון בלוט און געשפּענסטער“.

אַברהם בעקער נעמט אויף אין אַן אַרומנעמענדיקן עסיי דעם ציטער און פלאַטער, דעם ניגון און אויך דעם ווײ פון אַ ליטעראַ־רישן לעבעדיקן מאָטיוו: דאָס ציגעלע. עפּעס דאַכט זיך, אַז דער מחבר אַליין איז פאַרמישפּט געוואָרן, ווען ער גייט פון דיכטער צו דיכטער אָנסיליען שורות פון אַזאַ חשובן מאָטיוו אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור.

דער מחבר שטייט ניט פון דער ווײַטנס. ער איז אַ מיטגייער

מיט דעם ציגעלע־מאָטיוו. דער מחבר גיט צו דאָס זייַניקע: ידיעה, ריטעם, סטיל, ליכטיקייט.

חלום און וואָר אין אונדזער ציגעלע: „שלאָף מייַן קינד, מייַן טייַערס, / איבער טויטע וועגן, / איבער טויטע דערפער, / גייט אַ טויטער רעגן. / אונטערן רעגן דאָס עלנטע ציגעלע, / וואָס יאָגט נאָכן פאַרשוווּנדענעם יינגעלע".

אַברהם בעקער יאָגט נאָך דאָס עלנטע ציגעלע, נאָכן פאַרשוווּנדענעם יינגעלע און עס קומט אים דערפאַר אַ יישר־כּוח.

ד"ר י. ח. בילעצקי

דער ציג־מאָטיוו אין דער מיטאָלאָגיע פון פעלקער

דער מאָטיוו פון דער ציג ציט זיך אַזש פון די גאָר ווייטע, אין נעפּל איינגעהילטע הויכקייטן פון אָלימפּ, דאָס ווינאָרט פון די געטער.

דאָס וויַיסינקע, דעליקאַטע, נישט גאָר אימפּאָזאַנטע באַשע־פעניש, די ציג מיטן נאָמען אַמאַלטעיאַ איז, לויט דער גריכיש־רוימישער מיטאָלאָגיע, געווען מיט איר מילך די שפּייזערין פון דעם שפּעטער געוואָרענעם פאָטער פון די געטער, זעוס (רוימיש: יופּיטער), ווען זיין מוטער, די געטין הערא (רוימיש: יונאָ) האָט אים אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל ביי די נימפעס, כּדי זיין פאָטער, קראָנאָס, זאָל אים נישט איינשלינגען, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט די אַנדערע קינדער, זיי זאָלן נישט קענען צונעמען ביי אים די הערשאַפט.

איינער פון די הערנער פון דער ציג האָט זיך אָפּגעבראָכן, האָבן אים די נימפעס אָנגעפילט מיט נעקטאַר און אַמבראָזיאַ פאַר דעם קינד — זעוס. דער דאָזיקער האָרן איז געוואָרן דער סימבאָ־לישער „האָרן פון שפע״.

ווען זעוס איז גרויס געוואָרן און געקומען צו דער מאַכט, האָט ער צוליב דאַנקבאַרקייט, דערהויבן אַמאַלטעיאַ צום הימל, זי פאַרוואַנדלט אין אַ שטערן מיטן נאָמען קאַפּעללאַ און אין דער קאָנסטעלאַציע קאַפּריקאָרן (האָרן פון ציג), באַקאַנט אין אונדזער לשון, ווי מזל גדי.

אויך אַן אַנדערע ציג איז געווען אַ זייגערין פון אַ גאָט, עסקו־לאַפּ, דעם זון פון אַפּאָלאָ, ווען די מוטער איז געשטאָרבן ביי זיין געבורט. עסקולאַפּ האָט געקענט היילן קראַנקע און אַפילו מחייה מתים געווען מענטשן. ער ווערט באַטראַכט ווי דער פּאַטראָן פון די דאָקטוירים.

אַפראָדיטע (רוימיש: ווענוס), די געטין פון שיינקייט, ליבע און סעקסועלן רייץ, איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין דעם שיינעם, יונגן גריך, אַדאָניס, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ פּאַסטוך פון שאָף און ציגן, שפּילנדיק אויף אַ פלייט.

סילענע (לונאַ), די געטין פון דער לבנה, האָט זיך פאַרליבט אין דעם שיינעם פּאַסטוך, ענדימיאָן, וועלכער, אויף איר בקשה, איז באַשאָנקען געוואָרן דורך זעוס מיט אייביקער יוגנט־שיינקייט, אָבער אויך מיט אַן אייביקן שלאָף. די לבנה־געטין פלעגט אים באַזוכן פון צייט צו צייט; באַוווּנדערן איר פּאַסיוון געליבטן און באַוואַכן זיינע שאָף, עס זאָל זיי נישט פּאַסירן קיין שום שלעכטס און זיי זאָלן זיך גוט פיטערן און פאַרמערן.

פּאַן, דער גאָט פון די פּאַסטוכער פון שאָף און ציגן, פון לאַנ־קעס, פוןביימער, וועלדער און פון פעלדער און שפּעטער פון גאַנצן אוניווערס, האָט געהאַט הערנער און פיסלעך פון אַ ציג. ער איז געווען דער פּאַטראָן פון די פּאַסטוכער, וואָס האָבן אים געבראַכט קרבנות בעיקר פון ציגן־בעק. פּאַן איז אויך געווען דער דערפינדער פון דער זיבנרערנדיקער פּאַסטוך־פלייט.

אַגב, זיין דערשיינונג האָט גראָד אָנגעוואָרפן אַ שרעק און פון דעם נעמט זיך דאָס וואָרט פּאַניק, וואָס באַדייט אימה, טעראָר.

דיאָניזעס (רוימיש: באַקכוס), דער גאָט פון ווייַן, שכרות און הוליאַנקעס, קאַרנאַוואַלן און באַקכאַנאַליען, ווערט פאָרגעשטעלט אין אַ לבוש פון ציגן־פעלן און מיט צוויי ציגן־הערנערלעך אויפן שטערן.

ער האָט געלעבט אויף דער ערד און פלעגט וואַנדערן איבער

בערג און וועלדער, פֿאַרפּישופּנדיק מיט זיין שפּילן יעדע חיה. די סאַטירן, דאָס זענען געווען פעלד־חיות, קליינע גייסטער, נישט קיין מזיקים, וואָס טאַנצן אין די חורבות מיט די ווילדע חיות און נאַכט־פייגל. זיי האָבן געהאַט דעם אויסזען ווי ציגן־בעק. זיי זענען געווען באַגלייטערס פון דיאָניזעס (באַקכוס), און פלעגן אָפט טראָגן מוזיק־אינסטרומענטן, מיינסטנס פּלייטן. אין גריכנלאַנד, האָבן די סאַטירן געשאַפן דעם כאָר אין אַ סאַטירישער דראַמע.

אינעם דיאָניזעס־קולט איז דער באָק געווען דער הייליקער קרבן. די באַקכאַנטן פלעגן צערייסן זיין פלייש און רויערהייט עס אויפעסן, כּדי אַריינצונעמען אין זיך גאָטס קראַפט, ווײַל דער קרבן איז אידענטיפיצירט געוואָרן מיט דעם גאָט אַליין.

אַגב, אַן ענלעכקייט קאָן מען געפינען הונדערטער יאָרן שפּע־טער אין דער סאַקראַמענטאַלער קריסטלעכער מיסטעריע פון עסן דאָס הייליקע ברויט (די האָסטיע) און טרינקען פון הייליקן וויין, וואָס שאַפן די קאָמוניע, די ספּיריטועלע פאַראייניקונג מיט יעזוסעס קערפּער און בלוט.

דער ציגן־באָק ווערט געבראַכט פאַר אַ קרבן, כּדי מכפּר צו זיין פאַר די זינד פון די גלויביקע. אַן אָפּהילך פון דעם האָבן מיר אין דער יום כּיפּור־מיסטעריע פון „שׂעיר לעזאזל". אויך דאָ ווערט דער באָק געבראַכט פאַר אַ קרבן, כּדי מכפּר צו זיין פאַר די זינד פון די ייִדן.

און ווידער אַ רעפלעקס אין דער קריסטלעכער אמונה, לויט וועלכער ישו האָט זיך אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן, כּדי אויסצו־לייזן די גאַנצע מענטשהייט פון די זינד.

דער באָק איז אויך אָפט געווען דאָס רייט־„פערדל" פון דיאָ־ניזעס (באַקכוס), גלייך ווי פון אַפראָדיטע און פון פּאַן. (אַגב, אין דער פאַנטאַסטישער דערציילונג פון האַנס קריסטיאַן אַנדערסען „האַנס דער נאַר" טרעפן מיר אויך דעם זעלבן מאָטיוו: דער צאַפּ ווי אַ רייט־„פערד").

דער באָק איז אויך אַ טייל פון קולט פאַר פּריאַפּוס, דעם גרי־כישן גאָט פון געוויקסן, וויינגערטנער און חיות. דער טעמפּל אין דעלפי איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דאַנק די ציגן. די דאָרטיקע פּאַסטוכער האָבן באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען עס דאַרף פּאַר־קומען עפּעס שרעקלעכס, אַ שטורעם, אַ פּאַרפּלייצונג וכדומה, הייבן אָן די ציגן ווי אַ מין טאַנץ. האָבן זיי אין דעם געזען אַ געטלעכן צייכן און דערפאַר באַשלאָסן אויפצושטעלן דעם טעמפּל מיט די אָראַקלען (אַ מין אורים ותומים), וואָס זאָגן פאַר קומענדיקע געשעענישן.

אַפּאָלאָ, דער גאָט פון די אָראַקלען, ווי אויך פון דער זון, פון דער מעדיצין, פון דער פּאָעזיע און פון דער קונסט, איז געווען באַזונדערס דער פּאַטראָן און שומר פון די סטאַדעס שאָף און ציגן. אָגב, ער האָט אָפּגעשונדן לעבעדיקערהייט די הויט פון דעם סאַטיר מאַרסיאַס, ווייל דער דאָזיקער האָט געוואַגט צו קאָנקורירן מיט אים ווען דער פּרעמיע פאַר מוזיק. אויך האָט אַפּאָלאָ באַשטראָפט דעם קעניג מידאַס — ער האָט אים געלאָזט אָנוואַקסן אויערן פון אַן אייזל פאַר דעם, וואָס ער האָט גיכער פאַרגעצויגן דעם פרי‏ער דערמאָנטן פלייט פון פּאַן, ווי די לירע פון אַפּאָלאָ.

פּאַריס, דער זון פון פּריאַם, קעניג פון טראָיאַ, האָט געפּיטערט די ציגן פון זיין פאָטער, ווען הערמעס האָט צו אים געבראַכט די געטינס הערא, אַטענאַ און אַפראָדיטע צו אָנטשיידן, וועלכע פון זיי איז די שענסטע און געווינט דעם גאָלדענעם אַפּל.

אין אַן אוראַלטער פאַרשטעלונג פון דער ציג, האָט זי זיגזאַג־פאָרמיקע הערנער, כדי צו באַצייכענען די בליצן, וואָס זאָגן אָן אַ בייזן שטורעם, אַ נאַטור־דערשיטערונג.

אָגב, פון אַזעלכע הערנער, אמת, פון דעם ציגס „ראַסן־ברו־דער", דעם ווידער, ווערט געמאַכט דער שופר, וואָס איז דאָך אויך דער אָנזאָגער פון גרויסע געשעענישן, ווי ראש השנה, דעם טאָג פון הרת־עולם, פון דעם יום־הדין פון אַלע באַשעפענישן פון דער

וועלט. דאָס שאַלן און קנאַלן פונעם שופר איז מבשׂר דאָס יובל־יאָר און אַנדערע יוצא־דופנדיקע נאַציאָנאַלע פּאַסירונגען, פּריי־דיקע, ווי טרויעריקע; אַ מלחמה־אַלאַרם; אַ מאָביליזאַציע פון אַלע פּאָלקס־כּוחות צו ערשטראַנגיקע מעשׂים. דער שופר וועט אָנזאָגן די אַפּאָקאַליפּטישע וועלט־איבערקערעניש „באחרית הימים" און ביאת־המשיח. דאָס שופר־בלאָזן דאַרף דערוועקן התעוררות, אַרויסרופן אַן אויפרודערונג פון דעם מענטשנס געוויסן, אויפטרייס־לען זיין גייסט און אויפברויזן זיין נשמה, שאַפן אַ גייסטיקן איבער־ברוך, אַ פּסיכישע מעטאַמאָרפאָזע פון אַ זינדיקן אין אַ רעכטפאַר־טיקן, פון אַ רשע אין אַ צדיק.

דער שופר האָט אויך אַ מאַגישע קראַפט, לויט דעם פאָלקס־גלויבן, אויף שדים און רוחות, ביים אַרויפלייגן אַ חרם, אַרויסטרייבן אַ דיבוק.

פרעגט זיך אַ שאלה: איז פאַראַן עפּעס אַ מיסטישע שייכות צווישן די בליצנדיקע הערנער פון דער ציג, פון דעם ווידערהאָרן און דעם שופר, דעם וווּנדערהאָרן?.

און נאָך אַ באַמערקונג: פון דער שטיפערישקייט און טראַצי־קייט פון דער ציג (לאַטייניש: capra) שטאַמט דאָס וואָרט קאַפּריז, קאַפּריזנע און אויך דער נאָמען פון אַ מוזיקאַלישער שאַפונג, „קאַפּריטשאָ".

די ציג איז אויך היפּשלעך פאַרטראָטן אין דער נאָרדיש־גער־מאַנישער מיטאָלאָגיע.

דער העכסטער גאָט, אָדין, האָט זיין רעזידענץ אין אַ זאַל מיטן נאָמען וואַלהאַללאַ, ווו עס געפינען זיך די העלדן, געפאַלענע אין די שלאַכטן. יעדע נאַכט פראַוועט זיי אַ סעודה מיט חזיר־פלייש און פאַרטרינקען עס מיט מעד (האָניק־געטראַנק), וואָס פליסט, אַנשטאָט מילך, פון די אײַטערס פון דער ציג מיטן נאָמען היידרום. דאָס ווערט זיי דערלאַנגט דורך די וואַלקיריעס — געטינס פון אַ קלענערער קאַטעגאָריע, די שליחות פון אָדין.

טהאָר, זון פון אָדין, דער גאָט פון דונערן און בליצן, ווי דער גריכישער ז זעוס„ איז פאַרגעשטעלט ווי ער רייזט אין די וואָלקנס אין אַ קאַרעטע, געשפּאַנט מיט צוויי ציגן און האַלט אין דער האַנט אויפגעהויבן אַ האַמער, וואָס איז געווען דער סימבאָל פון זײַן מאַכט און פאַרערט און פאַרהייליקט, ווי דער קרייץ בײַ די קריסטן.

טהאָר איז אַ מאָל אַרויסגעפאָרן מיט אַ באַגלייטער און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ פאַרם, כּדי צו שטילן דעם הונגער. האָט ער גענומען זײַנע צוויי ציגן, זיי געשאָכטן און אויפגעגעסן. נאָך דעם האָט ער צונויפגענומען די ביינער, זיי אַרויפגעלייגט אויף די ציגן־פעלן, אויפגעהויבן זײַן האַמער, געמאַכט אַ ברכה און די ציגן זענען געוואָרן צוריק לעבעדיק, געזונט און פריש צו דער ווײַטער־דיקער רײַזע.

די שרעטעלער, וואָס היטן די באַהאַלטענע אוצרות אין די בערג, ווערן באַלוינט דורך די זוכערס מיט אַ קרבן פון אַ שוואַר־צער ציג.

אין שוועדן ווערט נאָך הײַנט פאַרערט אַ פיגור פון אַ ציג, געמאַכט פון שטרוי, ווי אַ סימבאָל פון אַ גוט געראָטעניש און אַ ברכה פאַר דער היים.

אין דײַטשן פאָלקס־גלויבן איז דער באָק אין שטאַל דער שומר פון די אַנדערע חיות דאָרט פאַר די בייזע רוחות. ער איז אויך דער באַשיצער פון מענטשן פאַר געפאַרן.

בײַ די געצנדינערישע סלאַוון איז דער בייזער „טשערני באָג" (ייִדיש: שוואַרצער גאָט) פאַרגעשטעלט ווי אַ ציגן־באָק. ער איז אָבער אויך אָנגעגאַנגען אַלס אַ גינסטיקער פאַר די מענטשן.

אין די מיסטעריעזע אסיפות פון די מכשפות אין אייראָפּע האָט

מען געפּראַוועט אַ קולט פאַר דעם „סאַבאַט־באָק״, דער האַר פון שבת.

די מכשפות פלעגן זינגען צ״אַ דאָס פאָלגנדיקע ליד:

DAS HEXENLIED

Wo ist der Bock, das Höllentier?
Wo ist der Bock? Uns fehlt der Bock,
So reiten wir, so reiten wir,
So reiten wir auf dem Stock.

(Heinrich Heine, "Der Rabbi von Bacharach")

דאָס מכשפה־ליד

ווּ איז דער באָק, די חיה פון גיהנום?
ווּ איז דער באָק? אונדז פעלט דער באָק,
אַזוי רײַטן מיר, אַזוי רײַטן מיר,
אַזוי רײַטן מיר אויף דעם שטעקן.

(היינריך היינע — „דער רבי פון באַכאַראַך״)

אין אינדיע איז דאָס וואָרט „ציג״ האָמאָנים מיטן וואָרט „אומ־געבוירן״. די ציג איז דאָרט דער סימבאָל פון דער אורמאַטעריע, די פאַרקערפּערונג פון דער אורמוטער.

לויט די וועדאַס פון די הינדוסן ד. ה. פון די פיר הייליקע ביכער פון אינדיע, געשריבן אין סאַנסקריט וועגן דער ציוויליזאַציע פון די אַריער, זייער קולטור און סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, איז דער גאָט פון ליכט און פײַער, מיטן נאָמען אַ ג נ י (פאַרגלײַך: די סלאַווישע

ווערטער, אָגען, אָגאָן־פּיַיער), פּאַרגעשטעלט ריַיטנדיק אויף אַ באָק.

אויך אין דער עגיפּטישער מיטאָלאָגיע פעלט נישט דער ציג־מאָטיוו. אַ מ ו ן, דער גאָט פון געבערן, פון פרוכטבאַרקייט און רעפּראָדוקציע, און הערשער פון אויבערשטן טייל פון מצרים, ווערט פּאַרגעשטעלט מיט אַ קאָפּ פון אַ ציגן־באָק, ענלעך ווי דער גריכישער גאָט פּ אַ ן.

אין מצרים, אין דער שטאָט מענדעס (דעדעט) איז געווען איַינגעפירט דער קולט פאַרן ציגן־באָק, „באַ־נעב־דעדעט״, ד. ה. דער האַר פון דעדעט. פרויען האָבן צו אים מתפּלל געווען וועגן קינדער־האָבן. די הייליקע ציגן־בעק פלעגט מען נאָכן טויט באַלזאַמירן.

אין קריסטנטום איז דער באָק אַלץ מער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל פון גלוסטונג און אויסגעלאַסנקייט. דער אויבן באַשריבענער סאַטיר האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים. ער איז געוואָרן אַ פרעכער לץ, אַ שד, אַ שׂטן, אַ טיַיוול, דאָס אַלץ אין אַ געשטאַלט פון אַ באָק.

אַגב, מערקווירדיק, ווי אַנדערש איז די קאָנצעפּציע וועגן דער ציג און אַפילו וועגן איר זכר, דעם באָק, אין דער ייִדישער מחשבה!

ביַי ייִדן איז די ציג אַ לויטער רייַן, מילד און תמימותדיק באַשעפעניש און אָפט געצערטלט און מיט ליבשאַפט גערופן: ציגעלע.

אויף דעם אָרט איז אויך כּדאי אָנצוּוויַיזן, אַז אין אייראָפּע איז די ציג געווען אַ וויַיסע און אַלס אַזעלכע און אָפט אויך מיט דעם דימינוטיוו „וויַיסינקע״ איז זי פאַרגעשטעלט און באַזונגען דורך די שריַיבער און דיכטער.

אַנדערש אָבער זעט אויס די ציג אין ישׂראל. דאָ איז זי נישט קיין ווײַסע, נאָר אַ טונקל־ברוינע, כּמעט אַ שוואַרצע. דאַקעגן דאָס שעפעלע, וואָס אין אייראָפּע איז עס געווען אַ טונקל־פּאַרביקע, איז דאָ הי גאָר אַ ווײַסע. אַן אויסנעמלעכע, אַ יוצא־דופנדיקע, אַ נישט־נאַטירלעכע (בעיקר אַ נעגאַטיווע) דערשײַנונג איז אַ „כבשה שחו־רה", ד. ה. אַ שוואַרצע שאָף. אַזוי טאַקע אויך ווערט באַצייכנט אַ מיטגליד פון אַ פײַנער משפּחה, וואָס איז אַרויס אויף אַ שלעכטן וועג, לתרבות רעה.

דער ציגעלע־מאָטיוו אין תנ״ך

לויטן תנ״ך האָבן די בני־ישׂראל אין די אַלטע צײַטן געבראַכט קרבנות אויף אַ פעלד (נישט אין גאָטס הויז) פאַר די שׂעירים (ויקרא, י״ז, ה, ז). דאָס זענען געווען, ווי שוין אויבן דערמאָנט, פעלד־רוחות, שדים, סאַטירן, וואָס האָבן געהאַט דעם אויסזען פון ציגן־בעק.

אין יום כּיפּור האָט דער כּהן גדול גענומען צוויי שׂעירי־עזים (ציגן־בעק), געוואָרפן אויף זיי גורל; איינעם, אַ קרבן חטאת פאַר גאָט, דעם צווייטן — אַרויפצולייגן אויף אים די זינד פון פאָלק און אים אָפּשיקן אין דער מדבר „לעזאזל״, ד. ה. צום שד מיטן נאָמען עזאזל (ויקרא, ט״ז, ה און ו). (פון דאַנען — די קללה לעזאזל = צום טײַוול, ווי אויך דער אויסדרוק „אַ שׂעיר לעזאזל״, ד. ה. אַן אומשולדיקער קרבן). אין דער ייִדישער טראַדיציע האָט די ציג אַ פיינעם יחוס. זי איז דאָך געווען דער „פּרוּווּשטיין״ פאַר משה רבנו׳ס פעיִקייט צו זײַן אַ מנהיג בישׂראל. פאַראַן אַ לעגענדע (אין מדרש שמות רבה, ב), וואָס דערציילט, אַז ווען משה האָט געפּאַ־שעט די שאָף פון יתרו, אין מדבר, איז אים אַנטלאָפן אַ ציגעלע, ביז ס׳איז אָנגעקומען צו אַ וואַסער־באַסען און דאָרט זיך אָפּגע־שטעלט צו טרינקען. משה האָט גענומען דאָס מידע ציגעלע אויף זיינע אַקסלען און אַזוי עס צוגעטראָגן צו דער סטאַדע. דאַמאָלס האָט גאָט געזאָגט צו משה, אַז אויב ער האָט רחמנות צו פירן די שאָף פון אַ בשׂר ודם, איז ער אויך ראוי צו זײַן דער פּאַסטוך פון זײַנע שאָף, פון דעם פאָלק ישׂראל.

און בכלל זענען אונדזערע אָבות געווען אייגנטימער און רועי־צאן. (צאן באַדייַט אַלע מינים פון בהמה דקה, ד. ה. פון מינ־דערע בהמות, ווי ציג, באָק, שעפּעלע און ווידער).

און אַז מ׳רעדט שוין וועגן פּאַסטוכער, זאָלן מיר דערמאָנען, אַז אויך די העלדין פון דער שיינער פּאָעמע פון תנ״ך, „שיר השי־רים״, איז אַ פּאַסטוכקע פון ציגן, ווי עס ווערט געזאָגט, (לויט דער פרייַער איבערזעצונג פון מחבר א. ב.) :

... זאָג מיר נאָר, געליבטער מייַן,
ווו ווּעסטו מיטאָגצייַט זייַן ?
— — — — — — —
אויב דו ווייסט עס נאָך ניט
דו, פון פרויען די שענסטע, אַליין,
טאָ, גיי נאָך די שעפּסן־טריט
און די ציגעלעך דייַנע פיטער
ביז צו די ווינערטער
פון די פּאַסטוכער, סטאַדעס־היטער.

אין די אַלטע צייַטן, אין ארץ־ישראל, איז די ציג הפנים גע־ווען די פּאָפּולערסטע שטוב־בהמה. אַזוי האָט זי אויך געדינט ווי אַ גאַנגבאַר צאָלונגס־מיטל בייַ די מענטשן. למשל, יהודה זאָגט צו תמרן און שיקט איר טאַקע צו „גדי־עזים״ — אַ ציגעלע אַלס אַ באַלוינונג פאַרן פאַרברענגען מיט אים... (בראשית, ל״ח, כ).

דאָס תנ״כישע וואָרט מקנה הייסט סטאַדע, „ויהי לו מקנה־צאן״ (בראשית, כ״ו, יד) און אַפילו שאָף אַליין „במקנך אשר בשׂדה״ (שמות, ט, נ) און עס באַדייַט אויך אַ קויף, אַ טראַנזאַק־ציע, אַ קניין, אַ ווערטזאַך „ומקנה השׂדה״ (בראשית, מט״, ל״ב).

אָט אַזוי ווי דאָס לאַטײַנישע וואָרט pecunia וואָס מיינט פּי, בהמות און אויך געלט. (דער באַקאַנטער זאָג פון רוימישן קייסער: pecunia non olet = געלט שטינקט נישט). און נאָך אַ פילאָלאָגישער אַספּעקט וועגן שאָף און ציגן: די תלמודישע פאָרמול „נכסי צאן ברזל" הייסט ווערטפולע, סטאַבילע און דויערנדיקע קעגנשטאַנדן, וואָס זענען תמיד עובר לסוחר. די שעפּעלעך און די ציגן זענען דאָ דער קריטעריום פון אַן „אייזן"־שטאַרקער זיכערקייט פון דעם געגעבע־נעם אָביעקט.

ס'איז מערקווירדיק די באַדייטונג, וואָס דאָס ציגעלע האָט גע־האַט אין יידישן לעבן. צווישן אַלע בהמות האָט די תורה אויסגע־קליבן גראָד די ציג פאַר דעם אָביעקט פון פאַרבאָט צו קאָכן פלייש מיט מילך, „לא תבשל גדי בחלב אמו" (שמות, כ"ג, יט, א"א), פון וואָס די חכמים האָבן אַרויסגעלערנט וועגן גאַנצן פּראָבלעם פון פליישיקס און מילכיקס.

און נאָך אַ באַמערקונג: דאָס ציגעלע און זײַן „ראַסן־ברו־דערל", דאָס שעפּסעלע, דינען דעם נביא, ווי סימבאָלן פון די שוואַכע אין קאָנטראַסט צו די שטאַרקע אין דער אַלעגאָריע פון דעם אידעאַלן שלום און האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון דער מענטשהייט, „באחרית הימים", „וגר זאב עם כבש, ונמר עם גדי ירבץ" (אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע וועט הויערן, ישעיה, י"א, ט, איבערזעצונג: יהואש).

לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז „דער קלוגסטער פון אַלע מענטשן", שלמה המלך, האָט גראָד אינעם ציגן־באָק געזען אַ באַשעפעניש, וואָס צייכנט זיך אויס מיט... אַ שיינעם גאַנג: „דרײַ האָבן אַ שיינעם טראָט, יאָ, פיר גייען שיין: דער לייב, דער שטאַרקסטער צווישן די חיות, וואָס קערט זיך ניט אָפּ פאַר קיינעם; דער יאַכטהונט און דער באָק, און דער מלך, וואָס ניטאָ קעגן אים קיין באַשטאַנד". (משלי, ל, 29־31, איבערזעצונג פון יהואש).

דניאל אין זײַן אַפּאָקאַליפּטישער וויזיע וועגן דעם פאַרמעסט

צווישן די פעלקער אין דער צײַט פון דעם קץ, באַנוצט זיך מיט דעם באָק אין דער פּאָלגנדיקער אַלעגאָריע:

„...ערשט אַ ציגן־באָק איז אָנגעקומען פון מערב־זײַט איבערן געזיכט פון דער גאַנצער ערד, אָבער ער האָט ניט אָנגערירט די ערד. און דער באָק האָט געהאַט אַן אָנזעעוודיקן האָרן צווישן זײַנע אויגן, און ער איז צוגעקומען ביז צו דעם ווידער מיט די הערנער... און ער איז אַרויפגעלאָפן אויף אים מיט דעם אימפּעט פון זײַן כּוח, און איך האָב געזען זיך אָנשטויסן אָן דעם ווידער... און ער האָט געשלאָגן דעם ווידער און האָט צעבראָכן זײַנעביידע הערנער; און דער ווידער האָט ניט געהאַט קיין כּוח צו באַשטיין פאַר אים; און ער האָט אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און האָט אים גע־טראָטן און עס איז ניט געווען ווער זאָל מציל זײַן דעם ווידער פון זײַן האַנט. און דער ציגן־באָק האָט זיך געגרייסט; אָבער אין זײַן רעכטער שטאַרקייט האָט זיך אָפּגעבראָכן דער גרויסער האָרן און דאָס אויסזען פון פיר איז אַרויסגעוואַקסן אויף דעם אָרט אַקעגן די פיר ווינטן פון הימל" (דניאל, ח, 5־8, איבערזעצונג פון יהואש).

אין דער דאָזיקער זעונג באַדײַט דער ווידער די מלכים פון פּרס און מדי, און דער באָק — דעם מלך פון יוון. (ווײַטערע פּרטים זע אין ספר דניאל, ווי אויבן).

די ציג און דאָס ציגעלע אָדער דער באָק דערשײַנען אַ סך מאָל אין תנ"ך, באַזונדערס אין דעם ענין פון קרבנות. (וועגן דעם באַ־האַנדלטן מאָטיוו זע אויך ווײַטער אין קאַפּיטל „די ציג אין דער קונסט").

די ציג אין דער תלמודישער אגדה

מיר האָבן שוין פריִער געבראַכט אַ מוסטער פון דעם ציג־מאָטיוו אין דער אגדה: דאָס ציגעלע אַלס אַ „פּרוּווּשטיין" פון משה רבנו׳ס פעיִקייט צו זיין אַ מנהיג פון פאָלק ישראל.

אַן ענלעכע לעגענדע ווערט דערציילט וועגן דוד המלך. ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און האָט געפּאַשעט די שאָף, האָט ער געזאָרגט, אַז די קוואַליטעט פון דער באַשפּייַזונג זאָל זיין אַ גע־העריקע. ער פלעגט סעפּאַרירן די קליינע ציגעלעך און זיי געהאָדע־וועט מיט די אייבערשטע טיילן פון די גראָזן, וואָס זענען ווייך און לייַכט צו צעקייען און צו פאַרדייען. דערנאָך האָט ער אַרויסגע־נומען די ציגן־בעק און זיי געגעבן צו עסן די מיטלסדיקע טיילן פון די גראָזן, צום סוף האָט ער די אונטערשטע חלקים, די סאַמע האַרטסטע, צוגעטיילט צו די דערוואַקסענע און שטאַרקערע ציגן.

האָט דער אייבערשטער געזאָגט: „ווער ס׳איז פעיִק צו פיטערן די שאָף לויט זייער קוואַליטעט, איז ראוי צו זיין דער פּאַסטוך אויך פון מייַנע שאָף, די בני ישראל" (שמות רבה, ב׳).

איצט ברענגען מיר אַ צווייטן מאָטיוו פון דער אגדה, ווו די ציג איז געווען אַ „פּרוּווּשטיין" פון דער ערלעכקייט און יושרדיקייט פון דעם צדיק, ר׳ חנינא בן־דוסא.

דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער לעגענדע, (געבראַכט אין דער גמרא תענית, כ"ה, א), וועלן מיר אילוסטרירן מיט אייניקע ציטאַטן פון דער פּאָעטישער באַאַרבעטונג דורך מאַשאַ שטוקער־פּאַיוק: „די ציגן פון חנינא בן־דוסא".

אין אַ טאָג זענען די שכנים
אין זײַן שטוב אַרײַנגעלאָפן:
— צי דו ווייסט גאָרניט, בן־דוסא
וואָס ס׳האָט אויפן פעלד געטראָפן?
און מיט בייזע רייד זיי האָבן
זייער צאָרן אויסגעלאָדן:
— אויף די פעלדער פריש פאַרזייטע
דײַנע ציגן מאַכן שאָדן!...
האָט געענטפערט זיי בן־דוסא:
— עדות זאָלט איר זײַן און קוקן,
אויב ס׳איז אמת וואָס איר זאָגט דאָ,
זאָלן בערן זיי פאַרצוקן!
נאָר אָט, הערט איר, אויב ס׳איז שקר
דאָס וואָס מײַנע אויערן הערן;
זאָלן מײַנע ציגן ברענגען
אויף די הערנער זייערע בערן!
און געשען עס איז, פאַרנאַכט־צו
אַלע קוקן יאָ, אַוודאי;
פון די פעלדער, פון די וועלדער
לויפט אַהיים בן־דוסאס סטאַדע.
נאָר אַ וווּנדער: קענען ציגן
אין איין טאָג אַזוי גרויס ווערן?
אוי־אוי! זעט! בן־דוסאס ציגן
אויף די הערנער טראָגן בערן!...

וווּנדערט איר זיך, וויפל קשיות
אויף די ליפּן בײַ אײַך ליגן:

ווי ס'קומען צום אָרעמען בן־דוסאן
מיטאַמאָל אַזויפיל ציגן ?

איינמאָל וויל ער מאַכן קילער
אין די גרויסע שטאַרקע היצן,
עפנט ער די טיר אויף, זעט ער
אויף זײַן שוועל אַ הינדל זיצן.
הייבט בן־דוסא אויף דאָס הינדל
פול מיט חידוש אין די אויגן
— קוואַ־קוואַ ! נעמט זי לויפן, שפּרינגען
אויף זײַן בעט אַן איי זיך לייגן...
— — — — — —
זעצט אַוועק זיך מאַמע־הינדל
קינדער־הינדלעך אויסצוברי̇ען :
פּיקן זיך אויס פּופּצן הינדלעך
— פּי־פּי ! אין די שויבן פלי̇ען.
(בן־דוסא האָט די הינדלעך פאַרקויפט
און פאַר דעם געלט אַ שטיקל פעלד געקויפט)
און דאָס פעלד האָט זיך געצײַטיקט
פולע סנאָפּעס אויפגעשטיגן
האָט בן־דוסא פאַר דעם קאָרן
אײַנגעקויפט זיך אַ פּאָר ציגן.
און עס גייען טעג און וואָכן
און עס לויפן זיך די יאָרן —
און עס ווערן בײַ די ציגן
נײַע ציגעלעך געבאָרן.

פּלוצים יאָוועט זיך גאָר איינער
און נעמט ריידן מיט אַ העזה:
— כ׳האָב אַנומלט, קריק מיט יאָרן
דאָ אַ הינדל מייַנס געלאָזן —
כ׳בין נאָך איר אַצינד געקומען,
ס׳מוז זיך ערגעץ דאָ געפינען!
רופט זיך אָן בן־דוסא:
— אדרבה, גיב אַ סימן.
און עס האָט דער מענטש אַ סימן
פונעם הינדל אָפּגעגעבן:
אַזאַ ראַבע, מיט אַ טשוביק...
— אמת! זאָגט בן־דוסא, כ׳לעבן!
און ער עפנט אים דעם שטאַל אויף:
— יאָ, דו וועסט אַצינד עס קריגן,
זאָגט בן־דוסא צו דעם מענטשן,
ס׳איז דייַן הון און דייַנע ציגן...

דאַקעגן אָבער געפינען מיר אין תלמוד אויך אַ נעגאַטיווע מיינונג וועגן דער ציג. אין בבא קמא (פרק ז׳, משנה ז׳) זאָגט זיך, אַז ס׳איז פאַרבאָטן צו ציכטן ציגן אין ארץ־ישׂראל, (מען מעג עס יאָ טון אין סוריה און אין דעם מדבר פון ארץ־ישׂראל), ווייַל זיי זענען מסוגל צו שפּרינגען אויף די ביימער און אָפּבייַסן די בלעטער, ברענגענדיק שאָדנס פאַר די פלאַנצן און פאַרן ישוב. און אויף אַ צווייט אָרט אין דער גמרא ווערט אָנגעגעבן דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד: אַ געוויסער פרומער ייִד איז קראַנק געוואָרן, האָבן אים די דאָקטוירים דערקלערט, אַז קיין זאַך וועט אים נישט העלפן, נאָר ער זאָל זייגן די פרישע, נאָך הייסע מילך פון אַ ציג יעדן פרימאָרגן.

האָט מען אים געבראַכט אַ ציג, זי צוגעבונדן צו די פּיס פונעם בעט און דער קראַנקער האָט פון איר אײַטער געזייגט די וואַרעמע מילך יעדן אין דער פרי.

איין מאָל זענען אַריינגעקומען חברים אים צו באַזוכן. דער־זעענדיק דאָרט די ציג, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן און אויסגערופן: „לסטים מזוין", אַ באַוואָפנטע רויבערין געפינט זיך בײַ אים אין שטוב און מיר גייען נאָך אַרײַן צו אים?!

מ'האָט נאָכגעפאָרשט און אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען די איינציקע זינד פון דעם חסיד. אויך ער האָט אויף זײַן טויטן־בעט געזאָגט, אַז זײַן איינציקער חטא איז דאָס, וואָס ער האָט עובר געווען אויף דעם פאַרבאָט פון די חכמים בנוגע דער ציג.

די ציטירטע שטעלעס פון תלמוד און משנה זענען אַ בולטע סתירה, ממש אַ ראַדיקאַלער ווידערשפּרוך צו דער אַלגעמיינער זייער פּאָזיטיווער פּאָזיציע פון דער ציג אין תנ"ך, אין דער ייִדישער טראַדיציע בכלל און, ועל כּולם, צו דער האַנדלונג פון ר' חנינא בן־דוסא.

ס'איז דאָך נישט אָנצונעמען, אַז אַזאַ חכם און צדיק ווי ר' חנינא בן־דוסא, וואָס וועגן אים איז אַרויס אַ בת־קול: „די גאַנצע וועלט ווערט געשפּײַזט אַ דאַנק חנינא, מײַן זון, און ער באַפרידיקט זיך בלויז מיט אַ פּאָר באָקסער פון ערב־שבת ביז ערב־שבת" (תענית, כ"ד), ער, וועלכער האָט באַוויזן אַ סך נסים און מופתים, און וואָס אַפילו שדים האָבן אויף אים נישט קיין שליטה, ווײַל „אויף אים האָט מען אויסגערופן אין הימל: זײַט געוואָרנט פאַר חנינא און זײַן תורה" — דווקא ער זאָל עובר זײַן אויף אַן איסור פון די רבנן.

אויף מײַן שאלה בײַ רבנים וועגן דעם ענין, האָב איך באַקומען אַזאַ ענטפער:

זיי זעען נישט קיין סתירה. כּדי צו פאַרהיטן די ציגן זאָלן נישט מאַכן קיין שאָדנס אויף די פעלדער און אין די גערטנער, האָט מען

זיי געמעגט פיטערן בלויז ווײַט פון אַ ישוב, דהיינו אין דעם מדבר, אין פאַרוואָרלאָזטע פלעצער, אין די וועלדער אדג״ל.

אָבער דאָך בלײַבט נישט פאַרשטענדלעך און נישט באַגרײַפלעך אַזאַ דראַסטישע שטעלונג פון דעם חסידס חברים. דער אויבן דער־מאָנטער חסיד האָט געהאַלטן די ציג צוגעבונדן צו זײַן בעט. זי האָט נישט געבראַכט קיינעם קיין שאָדן. ער האָט זי געהאָדעוועט בײַ זיך אין שטוב און געטרונקען איר כּשרע מילך. טאָ, וואָס פאַראַ זינד איז ער באַגאַנגען? פאַרוואָס אַזאַ שאַרפע רעאַקציע: „לסטים מזויין״, אַ באַוואָפנטע רויבערין, רחמנא לצלן!

נישט אַנדערש, נאָר אַז דאָס איז געווען אַן אויסנעמלעכער און פאַראיינצלטער פאַל פון אַ פּאָר פאַנאַטישע פון דעם סאָרט „חסידים שוטים״.

און די ציג — איר פּאָזיטיווע פּאָזיציע בײַ די חכמי התלמוד איז אַ דאָמינירנדיקע:

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: „ווער ס׳וויל רײַך ווערן, זאָל זיך מתעסק זײַן מיט בהמה דקה, דאָס מיינט שאָף און ציגן. תּמיד זאָל דער מענטש פאַרקויפן זײַן פעלד און קויפן ציגן און זאָל ער נישט פאַר־קויפן קיין ציגן און זיך קויפן פעלד... און געננוג, דער מענטש זאָל זיך מפרנס זײַן פון דער מילך פון די ציגן און שאָף אין זײַן הויז״ (חולין, פד).

די ציג געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די גערודפטע חיות, אויף וועלכע גאָט האָט געזאָגט: „ברענגט נישט פאַר מיר קיין קרבנות פון די פאַרפאָלגער, נאָר פון די פאַרפאָלגטע״.

אין דער תלמודישער ליטעראַטור זענען אויך פאַראַן גלײַכ־ווערטלעך און משלים וועגן דער ציג, ווי „אם אין גדיים, אין תישים״ (תלמוד ירושלמי, סנהדרין פ״י, ה״ב), ווערטלעך: אויב ס׳איז נישטאָ קיין ציגעלעך, איז נישטאָ קיין צאַפּעס (בעק), דאָס מיינט: דאָרט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין קליינע קינדער, אָדער, לאָמיר זאָגן,

קליינע תלמידים, וועלן אויך נישט אויסוואַקסן קיין גרויסע מענטשן, גרויסע לייט, גדולי הדור.

אָדער אַזאַ אַפּאָריזם: „גדיים נעשו תישים", (לויט דער גמרא ברכות, ס"ג) ווערטלעך: די ציגעלעך זענען געוואָרן בעק, ד.ה. די יונגע תלמידים זענען מיט דער צײַט געוואָרן גרויסע לומדים, אָדער מנהיגים.

די גמרא מאַכט נישט קיין „ראַסן־אונטערשיד" צוליב דעם קאָליר צווישן די ציגן. „די מילך פון די שוואַרצע ציגן איז גלײַך מיט דער מילך פון די ווײַסע ציגן" (בראשית רבה, פז).

ר' שמעון בן לקיש האָט געזאָגט: „ס'פּאַראַן דרײַ שטאַרקע: דער הונט צווישן די חיות, דער האָן צווישן די עופות און די ייִדן צווישן די פעלקער, און אַ טייל זאָגן: די ציג צווישן די קליינע בהמות" (חגיגה ג').

אגב, דאָס העברעיִשע וואָרט אויף ציג, עז, שטאַמט פון וואָרט עז (ע' פתח) שטאַרק.

און וואָס דאַרפן מיר נאָך מער? — איז דאָך די גאַנצע אַלע־גאָרישע אינטערפּרעטאַציע וועגן ייִדישן פאָלק און זײַן היסטאָרישן גורל געשטיצט אויף דער מעשׂה מיטן ציגעלע, מיט „חד גדיא"!

פון אַמאַלטעיאַ ביז צו חד גדיא און נאָך ווייטער...

דער פילדיײַטיקער און פילזײַטיקער ציג־מאָטיוו ציט זיך פון די אוראַלטע צײַטן.

ס'איז סימפּטאָמאַטיש, אַז דווקא די ציג, וואָס צייכנט זיך נישט אויס מיט קיין גאָר אימפּאָזאַנטן אויסזען און נישט מיט קיין פײַנעם ריח (גיכער פאַרקערט!), איז בײַ אַזוי פיל פעלקער באַטראַכט געוואָרן ווי די זייגערין און שפּײַזערין, ווי די אם, די אמא, די מוטער פון געטער, אַפילו פון דעם פאָטער פון אַלע געטער. (זע דעם אונטערשיד: די וועלוועכע, וואָס האָט דערצויגן ראָמולוס און רעמוס, די לעגענדאַרישע גרינדער פון רוים, איז געווען די מוטער פון צוויי מענטשן־קינדער, דאַקעגן אָבער די ציג, וואָס איז געווען די שפּײַזערין פון יופּיטער און די אַנדערע ציגן, זענען געווען די מוטערס פון געטער).

די ציג איז אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע דער אורקוואַל, די אור־מוטער, די אַלמאַ מאַטער פון דעם אוניווערס. זי איז קאָסמיש, זי איז מיסטיש. די ציג געהערט נישט דווקא צו די פלינקע באַשעפעניש, און דאָך איז זי די באַוועגונגס־קראַפט, דער לייטמאָטיוו, דער מאָטאָר אין דער פאָרעם פון „רייט־פערד" פון געטער. די ציג איז אַן אָביעקט פון אַדאָראַציע, פון פאַרגעטערונג אין דער צורה און געשטאַלט פון געוויסע געטער. די גלויביקע ברענגען זייער קרבנות פון ציגן־בעק, כּדי נושׂא חן צו זײַן בײַ דער געטלעכער ציג, דהיינו בײַ די געטער וואָס פּערסאָניפיצירן, רעפּרעזענטירן די ציג, כּדי

צו דאַנקען זיי פאַר זייערע חסדים, פאַר דער שוץ, פאַר דער ברכה, פאַר דער פאַרמערונג און גוטער דערנערונג פון די ציגן־סטאַדעס, פאַר דער פרוכטיקער גערעטעניש אין פעלד, פאַר דער שוץ און פראַטעקציע קעגן די ווילדע חיות, פלאָגן און קראַנקהייטן פון די ציגן.

און די ציג — אין דעם פאַל דער ציגן־באָק — ווערט אַליין אַ קרבן, אַ „שׂעיר לעזאזל", כּדי מכפּר צו זײַן פאַר די זינד פון די מענטשן.

און די אמונה, דער קולט האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע וואַריאַציעס און גילגולים, טראַנספאָרמאַציעס און טראַנסלאָקאַציעס פון לאַנד צו לאַנד און פון פאָלק צו פאָלק, פון דור צו דור ביז... יאָ, ביז די הײַנטיקע טעג.

די מיטאָלאָגיע איז לעגענדע, די לעגענדע איז פאָלקלאָר, דער פאָלקלאָר דאָס זענען די פאָלקס־מעשׂיות, די פאָלקס־אמונות, די פאָלקסלידער.

אין ייִדישן פאָלקלאָר איז די ציג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציגעלע, און אין אַ ווײַטערן גילגול אַפילו אין אַ „גאָלדן ציגעלע".

אין דער קלאַסישער מיטאָלאָגיע האָט די ציג אַמאַלטעיאַ דערגרייכט דעם אָלימפּ, דאָס זיצאָרט פון די געטער און שפּעטער איז זי דערהויבן געוואָרן צו די הימלען, צו די שטערן — אַד אַסטראַ...

בײַ די ייִדן איז דאָס ציגעלע דערהויבן געוואָרן צום פּאַרנאַס, דעם היכל השירה, דעם פּאַנטעאָן פון די גרעסטע דיכטער.

דער ציגעלע־מיטאָס האָט געוואָרצלט אין דער נשמה פון פאָלק און געפונען דעם שענסטן אויסדרוק אין דעם פאָלקסליד „חד גדיא". דער ייִד אין גלות האָט אין גורל פון דעם צאַרטן און שוואַכן, אומשולדיקן און שוצלאָזן באַשעפעניש, געזען זיך אַליין, זײַן אייגענעם גורל. ער אידענטיפיצירט זיך מיטן ציגעלע, ער באַציט זיך צום ציגעלע מיט טיפער סימפּאַטיע, ער פלעגט עס, ער צערטלט עס, ער באַשיצט עס. און דאָס ציגעלע איז אויך דער

שומר פון זײַן קינד. עס שטייט אונטער יאַנקעלעס וויגעלע און עס וועט אים באַזאָרגן מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען" און מיט אַלעם גוטן. דאָס ציגעלע איז דער משל און דער ייִד איז דער נמשל.

איז נישט דער דאָזיקער מיטאָס אַ ווײַטער אָפּקלאַנג פון דער מיטאָלאָגישער ציג, פון דער לעגענדאַרער אַמאַלטעיאַ, וואָס האָט באַשיצט און באַשפּײַזט דאָס קינד־גאָט : זעוס ? יאָ, דאָס איז אַ לאַנגער מיסטישער פאָדעם, וואָס ציט זיך פון די קדמונים איבער דורות און איז געבליבן אײַנגעבאַקן אין ייִדישן האַרץ.

„חד גדיא" — האָבן מיר געזאָגט — איז אַ פאָלקסליד, דאָס הייסט, אַ ליד פונעם פאָלק וועגן פאָלק און פאַרן פאָלק.

דער מהות פון פאָלקסליד

דער מהות פון פאָלקסליד איז אפשר גלײַך מיטן בראשית פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן פּרטימדיק אויף דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דעם זשאַנער פון געזאַנג, וואָס מיר רופן אָן „פאָלקסליד״. מיר וועלן נאָר אויפווײַזן די אַלגעמיינע סימנים, וואָס באַצייכענען אַ זמר ווי אַ „פאָלקסליד״:

1) אַנאָנימקייט. דער מחבר פון אַזאַ ליד איז אומבאַקאַנט. 2) פּלוראַליזם. אַ פאָלקסליד איז אַ שאַפונג נישט פון אַ יחיד, נאָר פון אַ רבים. 3) קאָנטינואיטעט. אַ פאָלקסליד איז נישט קיין שאַפונג „אַד האָק״, מאָמענטאַן, נאָר אַ פּראָדוקט פון לאַנגע יאָרן, פון דורות. 4) פאַרשידנאַרטיקייט. דער נוסח פון אַ פאָלקסליד איז נישט קיין איינהייטלעכער, נאָר אַ פאַרשידענער, אָפּהענגיק פון אָרט און צײַט. 5) פּשטות. די שפּראַך פון אַ פאָלקסליד איז אַן איינפאַכע. 6) דער תוכן איז דער תמצית פון מענטשלעכן לעבן: ליבע און אײפערזוכט, פרייד און לייד, דאגות און פחדים, קאָנפליקטן און מלחמות, האָפענונגען, שטרעבונגען און אַנטוישונגען, קראַנקהייטן און טויט. 7) די מעלאָדיע איז אַן איינפאַכע, ווי דער תוכן. 8) דאָס פאָלקסליד איז נישט קיין חיבור בכתב, נאָר בעל פּה, עס גייט איבער פון מויל צו מויל, פון דור צו דור. דערפאַר זענען פאַראַן שינויים.

לויטן אינהאַלט קאָן מען איינטיילן די פאָלקסלידער אויף דעם אופן:

1) באַלאַדעס און לעגענדעס. 2) ליבע־לידער. 3) פאַמיליע

און שטייגער־לידער. 4) וויגלידער. 5)קינדער־לידער. 6) חתונה און פאַרלאָבונגס־לידער. 7) שבת און יום טוב־לידער. 8) רעליגיעזע לידער. 9) טאַנץ און שפּיל־לידער. 10) רעטענישן און הומאָר־לידער. 11) טרויער־לידער. *

וועגן פאָלקסליד שרײַבט י. ח. בילעצקי אין זײַן ברייט אַרומנעמענדיקן ספר, (אין העברעיִש) „איציק מאַנגער":

דאָס פאָלקסליד דעקט אויף אַלע אוצרות פון פאָלק, די אָפענע און די באַהאַלטענע, די פריילעכע און די טרויעריקע נשמה פונעם יחיד און פונעם כלל, אַלע פּחדים און אַלע האָפענונגען. דאָס פאָלקסליד דערציילט וועגן לעבן און אומקום, וועגן פאָלקס ווייגעשריי און וועגן פאָלקס שווײַגן, וועגן זיינע פילע גײַסטיקע סגולות, וואָס פינקלען און לײַכטן און פאַרזיכערן דעם פאָלק די אייביקייט.

דאָס פאָלקסליד טרינקט פון אַלע קוואַלן פון חכמות, עס זייט און שפּרייט אויס ליכט און טרויער.

דאָס פאָלקסליד איז צונויפגעגנייט פון שטיקער אומגליק און פון לעבנס־פרייד. עס איז דואַליסטיש: אַ טרער און אַ שמייכל. אַזוי איז דער תמצית פון ייִדישן לעבן.

דאָס פאָלקסליד האָט געלערנט דעם ייִד תורה און דרך־ארץ. עס האָט אים געזאָגט בפירוש: נישט שעמען זיך מיט אָרעמקייט און מ'דאַרף רעספּעקטירן דעם אָרעמאַן. „אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט, לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אונדזער אייגן בלוט".

דאָס פאָלקסליד האָט געפאָדערט צו זײַן באַשיידן, נישט שטאָלץ, נישט גאַוודיק. דאָס ייִדישע לעבן דאַרף זײַן באַרוט אויף איידלקייט און נאָבלקייט, עס זאָל זײַן אַ וווּנדער און אַ קוואַל פון ברכה. מ'דאַרף שאַפן אַ סך ווערטן און באַפרוכפּערן דאָס טאָג־

* די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק און קלאַסיפיקאַציע פון פאָלקסליד שטיצט זיך טיילווייז אויף די אויספירונגען פון מנשה גפן אין זיין אומפאַנגרייך בוך „מתחת לעריסה עומדת גדיה".

טעגלעכע לעבן מיט אַ דערהויבענעם ניגון. דאָס איז דער כּוח פון פאָלקסליד. אַ דערמונטערונג און אַ טרייסט פאַר די אָרעמע און דערשלאָגענע. (פון ז״ז 88, 89, 90).

יעדע וויכטיקע ליטעראַרישע שאַפונג טראָגט אויף זיך דעם חותם פון פאָלק. זי איז אַ פּראָדוקט פון אַלע זײַנע לעבנס־געוועבן: שפּריכוואָרט, משל, אַפּאָריזם, פאָלקלאָר, ליד, הומאָר, לעגענדע, מיטאָס אאַז״וו. יעדער עכטער דיכטער ירשנט זיי, פאַרטיפט און באַרײַכערט זיי און גיט צו זײַנס אַן אייגענעם שטריך (דאָרט ז. 112). (מײַן באַשיידנקייט וואָלט נאָך מוסיף געווען צו דעם — זײַן אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט, זײַן ספּעציפישן חותם, וואָס אונ־טערשיידט אים פון אַנדערע דיכטערס, ליטעראַרישע שעפערס, און פאַרהיט פון אַ „גלײַכשאַלטונג״, אַ סטאַנדאַריזאַציע).

די קינסטלעכע, ד. ה. די ליטעראַרישע פּאָעזיע אין יידיש האָט געשעפּט פולע הויפנס פון די רײַכע קוואַלן פון דעם פאָלקלאָר און פאָלקסליד און אַרויסגעבראַכט טײַערע אוצרות פון יידישן גײַסט.

אין זײַן מאמר אין 1939 „פאָלקלאָר אין ליטעראַטור״ האָט מאַנגער געשריבן: „צי איז בכלל מעגלעך אַ לעבעדיקע ליטעראַטור אָן אַ פאָלקלאָריסטישע באַזע? דער ענטפער איז לא מיט אַן אלף״. ...„דער לעבעדיקער פאָלקלאָר איז די שוואַרץ־ערד וואָס פון איר וואַקסט אַרויס אָרגאַניש די לעבעדיקע און ווירקנדיקע ליטעראַטור״ (דאָרט, ז. 106).

פאָלקסלידער נוסח חד־גדיא

די ציג אָדער דאָס ציגעלע און דער באָק זענען געוואָרן עלע־מענטן פון פאָלקלאָר, מעשׂה׳לעך, דערציילונגען, לידער. אין משך פון יאָרהונדערטער זענען זיי איבערגעטראָגן געוואָרן פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, אין אייראָפּע און אויך אין ווײַטן מזרח.

אין דער ייִדישער (אין ברייטן זין פון וואָרט) ליטעראַטור האָבן מיר צו פאַרצייכענען דאָס פאָלקסליד „חד גדיא״, געשריבן אין אַראַמעיִש, וואָס איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פּראַג, אין ש״ו (1546), אין אַ טייל אשכּנזישע הגדות.

מיר ברענגען דאָ דאָס דאָזיקע ליד אין דער פרײַער איבער־זעצונג אין ייִדיש פון דעם מחבר פון די שורות.

חד גדיא

אַ ציגעלע, אַ קליינס,
האָט טאַטעלע מײַנס
געקויפט פראַנק און פרײַ
פאַר גאַנצע גילדן צוויי.
געקומען איז צו לויפן
אויף אונדזערע הויפן
עפּעס אַ קאַץ, אַ ווילדע
און אויף שטיקער צעפּרעסן

דאָס ציגעלע, דאָס מילדע.
אָבער גיך און געשווינד
איז אָנגעלאָפן אַ בייזער הונט,
די ווילדע קאַץ צעביסן
זי אויף שטיקער צעריסן.
און באַלד האָט זיך באַוויזן
אַ לאַנגער, גראָבער שטעקן
מיט שאַרפע צוויי עקן
און האָט דערשלאָגן אַצינד
דעם אַ בייזן הונט.
האָט זיך אַ פייַער צעברענט
און דעם גראָבן שטעקן פאַרלענדט.
האָט דאָס וואַסער זיך פאַרגאָסן
און דאָס פייַער פאַרלאָשן.
איז אַן אָקס אָנגעלאָפן
זיך מיטן וואַסער אָנגעזויפן
ביז צום לעצטן טראָפּן.
איז באַלד געקומען אויבעט
מיט זייַן חלף דער שוחט
און אָן טראַכטן און באַדאַכטן
דעם שטאַרקן אָקס אַוועקגעשאָכטן.
איצט האָט דער מלאך־המות
גאָר נישט אויף קיין קאַטאָוועס
זייַנע שוואַרצע פליגל ברייט
איבער דעם שוחט אויסגעשפּרייט.
און צום סוף אויך האָט
אונדזער גרויסער גאָט
דעם מלאך־המות אַליין
מער נישט געלאָזט אַרומגיין.

געטויט דעם מלאך־המות,
וואָס נישט אויף קיין קאַטאָוועס
האָט געטויט דעם שוחט,
וואָס האָט דעם אָקס אויכעט
אַזוי בלוטיק בולט
פאַרגלאָצט — אַוועקגעקוילעט,
וואָס האָט דאָס וואַסער
אין גאַנצן אויסגעטרונקען,
וואָס האָט פאַרלאָשן
דאָס פייַער מיט די פונקען,
וואָס האָט דעם שטעקן פאַרברענט,
וואָס האָט דעם בייזן הונט פאַרלענדט,
וואָס האָט די ווילדע קאַץ צעביסן,
וואָס האָט דאָס ציגעלע צעריסן,
דאָס ציגעלע — דאָס קליינע,
דאָס ווייַסינקע, דאָס ריינע,
אָן שולד, אָן זינדן,
וואָס האָט טאַטעלע מייַנס
געקויפט פאַר צוויי גילדן.
חד גדיא, חד גדיא.

דער לייטמאָטיוו פון „חד גדיא״ איז, אַז די וועלט איז נישט הפקר, נאָר ס׳איז פאַראַן אַ דין און אַ דיין. דער זעלבער פרינציפ פון אַזאַ אַבסאָלוטער גערעכטיקייט איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך דעם באַרימטן תנא הלל: „על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון״, ד.ה. ווייַל דו האָסט יענעם דערטרונקען, ביסטו אַליין אויך דערטרונקען געוואָרן און צום סוף, די, וועלכע האָבן דיך דערטרונקען, וועלן אַליין אויך דערטרונקען ווערן (אבות, פרק ב, ז).

ענלעך אויך אין דעם קורצן, לאַפּידאַרן זאַץ „חופר גומץ בו

יפול״, ד.ה. ווער עס גראָבט אַ גרוב (פאַר יענעם), וועט אַליין אין אים אַריינפאַלן (קהלת, י, ח).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט לאָמיר אויך ציטירן די לעצטע סטראָפע פון דעם ליד „מיין נישט״ פון י. ל. פּרץ:

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר! *
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערן טײַכן, פון טײַכן ווערן ימים,
פון ימים — אַ מבול, פון פונקען — אַ דונער —
אַ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!

ס׳איז אויך זייער פּאָפּולער דער אַלעגאָרישער קאָמענטאַר: דאָס ציגעלע, דאָס איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס ווערט אויך אַמאָל פאַרגליכן צו אַ שעפעלע, אָדער שאָף, ווי למשל, „צאן קדושים״, אָדער „צאן לטבח״. די אַלע אַנדערע סימבאָלן: די קאַץ, דער הונט אאַז״וו, דאָס זענען די פאַרשידענע אומות, וואָס האָבן זיך פאַר־מאָסטן אויפן יידישן פאָלק, גערודפט, געפּלאָגט, געהרגעט און אים געוואָלט פאַרטיליקן, אָבער צום סוף, זענען זיי אַלע אַליין, איינער דורך דעם צווייטן, באַזיגט געוואָרן און פאַרשוווּנדן פון דער געשיכטלעכער אַרענע.

און נאָך אַ באַמערקונג, אַ פילאָלאָגישע: דער אויסדרוק אין דער פאָלקסשפּראַך: „זיצן אין חד גדיא״ און „זיצן אין דער קאָזע״

---

* די לידער און בכלל אַלע ציטאַטן ווערן געבראַכט לויט דער אָריגינעלער אָרטאָגראַפיע און נוסח פון זייערע מחברים.

נעמט זיך אפשר פון דעם פאָלגנדיקן: דאָס ליד „חד גדיא" באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון גערעכטיקייט, פון משפט און דאָס וואָרט חד גדיא קלינגט ענלעך צום שפּאַנישן וואָרט juzgado (כוזגאַדאָ), וואָס מיינט אַ געריכט, אַ בית־משפט, ווּ עס ווערט אויסגעמאָסטן די גערעכטיקייט, און אין פאָלקס־לשון איז עס טראַנסמיטירט געוואָרן אויך אויף אַרעסט, תפיסה, ווּ עס ווערט אויסגעפירט דער גזר־דין, די שטראָף, די גערעכטיקייט; בכן, פון juzgado — חד גדיא איז אַרויסגעקומען „זיצן אין חד גדיא" אָדער אין „דער קאָזע", ד.ה. אין דער תפיסה (קאָזע איז דאָס זעלבע וואָס ציג, אין פּויליש).

וועגן אָפּשטאַם פון „חד גדיא" איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע. אַ טייל פאָרשער האָבן געהאַלטן, אַז עס איז פאַרפאַסט געוואָרן לויט אַ פּאָפּולערע דייטשע באַלאַדע, דער פּראָטאָטיפּ פון וועלכער זאָל שטאַמען פון אַן אַלט פּראָנצויזיש פאָלקסליד. אָבער ס'איז וואָרשיינלעך געשען פאַרקערט, די ענלעכע דייטשע ווערסיע איז אַ בולטע נאָכמאַכונג פון דעם ייִדישן אָריגינאַל.

אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָבן צוויי דייטשע דיכטער, לודוויג אַרנים און קלעמענס ברענטאַנאָ, אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלונג פון אַלטע, דייטשע פאָלקסלידער Des Knaben Wunderhorn („דעם ייִנגלס וווּנדערהאָרן"), ווּ ס'פיגורירט אויך דאָס ליד וועגן דעם ציגעלע, וואָס איז אַ גענויע איבערזעצונג פון אונדזער „חד גדיא". מיר ציטירן איין סטראָפע פון דעם דאָזיקן ליד אין דער אָריגינעלער דייטשער שפּראַך:

Da kam der Malach hamóves (Engel des Todes)
Und schlächt den Schochet (Metzger),
Das er hat geschlächt den Ochsen,
Das er hat getrunken das Wasserlein,
Das da hat verlöscht das Feierlein,
Das da hat verbrennt das Stöckelein,

Das da hat geschlagen das Hündelein,
Das da hat gebissen das Kätzlein,
Das da hat gegessen das Zicklein,
Das da hat gekauft das Väterlein,
Um zwei Schilling — Pfenning,
Ein Zicklein! Ein Zicklein!

די צוויי העברעיִשע ווערטער „מלאך המות" און „שוחט", איבערגעלאָזט דורך דעם אַנאָנימען דיכטער, באַווײַזן שוין אַליין, גאַנץ קלאָר, דעם ייִדישן אָפּשטאַם פון דעם ליד.

דער גרויסער ייִדיש־דײַטשער דיכטער, היינריך היינע, ברענגט אין זײַן דערציילונג „דער ראַבבי פאָן באַכאַראַך" די גענויע ווער־סיע פון „חד גדיא" אין זײַן אייגענער איבערזעצונג מסתמא פון ייִדישן מקור, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס אויפן אָרט פון ציגעלע פיגורירט אַ באָקעלע און די אַלע אַנטיילנעמער זענען אָנ־געגעבן דימינוטיוו, (אין אַ פאַרקלענערטער פאָרעם), ווי למשל, דאָס פּאַטערל, דאָס קעצעלע אאַז"וו.

מיר ציטירן דערפון בלויז עטלעכע שורות:

Ein Böcklein, das gekauft Väterlein, er gab
dafür zwei Suslein, ein Böcklein, ein Böcklein!
Es kam ein Kätzlein und ass das Böcklein, das gekauft
Väterlein, er gab dafür zwei Suslein, ein Böcklein, ein
Böcklein!

אַזוי קייטלט זיך דאָס ליד ביז צום סוף, לויט דעם נוסח פון „חד גדיא".

לויט דעם זעלבן נוסח איז פאַראַן נאָך אַ דײַטש פאָלקסליד, אפשר פון 18טן י"ה, נאָר אַנשטאָט אַ ציגעלע, איז דאָ אַ לעמעלע:

Ein Lämchen, ein Lämchen.
Das kaufte sich mein Vater,
Zwei Susim galt der Kauf,
Da kam voll Tück' und Hader,
Die Katz' und frass es auf,
ein Lämchen, ein Lämchen.

Der Hund, den es verdrossen,
Das floss unschuldig Blut,
Kam pfeilschnell hergeschossen,
Zeriss die Katz' in Wut,
Ums Lämchen, ums Lämchen.

(באַקומען צוגעשיקט פון מיין פריינד, הערמאַן אַדלער, שרייבער און דיכטער אין דייטש, וועלכער וווינט אין דער שווייץ).

די איבערזעצונג אין ייִדיש:

אַ לעמעלע, אַ לעמעלע,
דאָס האָט זיך מיַין פאָטער געקויפט,
צוויי זוזים האָט באַטראָפן דער קויף,
דאַן איז פול מיט רשעות געקומען
די קאַץ און האָט עס אויפגעפרעסן,
אַ לעמעלע, אַ לעמעלע.

דער הונט, וועמען ס'האָט פאַרדראָסן,
וואָס אומשולדיק בלוט איז געפלאָסן,
איז געקומען ווי פיַילן־שנעל אויסגעשאָסן
און האָט אין כּעס צעריסן די קאַץ,
פאַרן לעמעלע, פאַרן לעמעלע.

דער דיַיטשער פאָרשער ק. קאָהלער * ברענגט אייניקע ביַישפּילן, ווי אַזוי „חד גדיא" האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער פאָלקס־שאַפונג פון פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע און אַפילו אין סיאַם

* ק. קאָהלער, זע ביבליאָגראַפיע — פרעמדשפּראַכיקע!

און אין פּערסיע. ער געפינט אויך אַן ענלעכן מוסטער אין אַן אור־
אַלטער אינדישער פּאָעמע. קאָהלער מיינט טאַקע, אַז די וואָרצלען
פון דעם ליד שטאַמען פון די אוראַלטע צייטן אין ווייטן מזרח.

דאָס ליד האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע וואַריאַציעס און גיל־
גולים. יעדעס פאָלק זינגט עס אויף זיין שטייגער, אַזוי למשל, אין
עלזאַס — וועגן אַ חזירל, וואָס וויל נישט גיין; אין דער שווייץ —
וועגן אַ קעלבעלע, וואָס וויל נישט טרינקען, אאַז״וו. כאָטש אַנדערש
זענען די פּערסאָנאַזשן און זייערע ראָלן, אָבער ענלעך צום מאָדעל
פון אונדזער „חד גדיא״ איז דער קאָמפּאָזיציאָנעלער פּרינציפּ פון
אַ מין „קייט־רעאַקציע״ פון די האַנדלונגען און פון די פּאַסירונגען.

גאָר אַן אַנדערע ווערסיע געפינט זיך אין דעם ענגלישן ליד:
The House that Jack built (דאָס הויז וואָס דזשעק האָט אויפגע־
בויט), וואָס ווערט באַטראַכט פאַר דעם ענגלישן „חד גדיא״ און
געבראַכט אין בוך פון אויפגעזאַמלטע ענגלישע קינדער־לידער:

THE NURSERY RHYMS OF ENGLAND
by James Orchard Halliwell
(*The Bodley Head, London, Sydney, Toronto, p.* 221)

This is the house that Jack built.
This is the malt / that lay in the house that Jack built.
This is the rat, / that ate the malt / that lay...
This is the cat, / that kill'd the rat, / that ate the malt/ that...
This is the dog, / that worried the cat, / that kill'd the rat,...
This is the cow with the crumpled horn, / that toss'd the dog...
This is the maiden all forlorn, / that milk'd the cow with the crumpled horn,...
This is the man all tatte'd and torn, / that kissed the maiden all forlorn,...
This is the priest all shaven and shorn, / that married the man all tatter'd and torn,...
This is the cock that crowed in the morn, / that waked the priest all shaven ond shorn,...

This is the farmer sowing his corn, / that kept the cock that crow'd in the morn, / that waked the priest all shawen and shorn, / that married the man all tatter'd and torn, / that kissed the maiden all forlorn, / that milk'd the cow with crumpled horn, / that tossed the dog, / that worried the cat, / that kill'd the rat, / that ate the malt, / that lay in the house that Jack built.

אין דער יידישער איבערזעצונג גיבן מיר בלויז דעם טעקסט פון לעצטן אָפּשניט, פון וועלכן מ׳קען זיך דערוויסן וועגן דעם גאַנצן תוכן פון דעם ליד:

דאָס איז דער פּאַרמער, וואָס האָט געזייט דעם קאָרן, וואָס געכאַפּט האָט דער האָן, וואָס האָט געקרייט אין פרימאָרגן, וואָס האָט געוועקט דעם גלח, דעם אין גאַנצן אָפּגעגאָלטן און אָפּגעשוי־רענעם, וואָס האָט חתונה געמאַכט דעם מאַן, דעם צעלומפּטן און אָפּגעריסענעם, וואָס האָט געקושט די מויד, די פאַרצווייפלטע, וואָס האָט געמאָלקן די קו מיט דעם אײַנגעקנייטשטן האָרן, וואָס האָט געקאָפּעט דעם הונט, וואָס האָט געביסן די קאַץ, וואָס האָט דער־הרגעט דעם (שטשור) ראַץ, וואָס האָט געגעסן דעם מאַלץ, וואָס איז געלעגן אין דעם הויז, וואָס דזשעק האָט אויפגעבויט.

אין דעם זעלבן זאַמלבוך, נאָך דעם אויבן אָנגעגעבענעם ליד, ווערט באַלד געבראַכט (ז. 223) די געטרייע איבערזעצונג פון אונ־דזער „חד גדיא״, פון וועלכן מיר ציטירן דאָ בלויז די ערשטע שורות:

A kid, a kid, my father bought
for two pieces of money: A kid, a kid.
Then came the cat, and ate the kid,
that my father bought
for two pieces of money...

אוןווידער אַן אַנדערער אינהאַלט, כאָטש אין פּרינציפּ ענלעך צו „חג גדיא״, איז דאָ אין דעם רוסישן פאָלקסליד „די ציג״ (אַלעק־

סאַנדער ניקאָלאַיעוויטש אַפאַנאַסיעוו — „נאַראָדניע רוסקיע סקאַז־קיע״ — רוסישע פאָלקס־מעשׂיות, ב. 1, ז. 60־61).

עס זיצט דער באָק און וויינט — ער האָט געשיקט די ציג נאָך ניס, איז זי אַוועקגעגאַנגען און פאַרפאַלן געוואָרן. שיקט דער באָק דעם וואָלף, קומט ער נישט צוריק מיט דער ציג מיט די ניס. שיקט דער באָק דעם מענטש, דעם דעמב, די האַק, דעם שטיין, דאָס פֿײַער, דאָס וואַסער, אָבער קיינס קומט נישט צוריק מיט דער ציג. ערשט ווען דער באָק שיקט דעם שטורעם, איז דער שטורעם אַוועק וואַסער טרײַבן, / דאָס וואַסער — אַוועק פֿײַער לעשן, / דאָס פֿײַער — אַוועק דעם שטיין ברענגען, / דער שטיין — אַוועק די האַק שלײַפֿן, / די האַק — אַוועק דעם דעמב האַקן, / דער דעמב — אַוועק די מענטשן שלאָגן, / די מענטשן — אַוועק דעם בער שיסן, / דער בער — אַוועק דעם וואָלף שלאָגן, / דער וואָלף אַוועק די ציג טרײַבן. / און אָט איז די ציג מיט די ניס *.

אין אַרגענטינע פלעגן אַ טייל וועלטלעכע ייִדן זינגען נעבן „חד גדיא״ אַן ענלעך פאָלקסליד אין ייִדיש: שיקט דער האַר אַ פויער אין וואַלד אַרײַן, / זאָל דעם עפּל רײַסן. / פויער וויל נישט עפּל רײַסן. / עפּעלע וויל נישט פאַלן. / שיקט דער האַר אַ קאַץ אין וואַלד אַרײַן, / זאָל דעם פויער דראַפּן, / קאַץ וויל נישט פויער דראַפּן, / פויער וויל נישט עפּל רײַסן, / עפּעלע וויל נישט פאַלן. / שיקט דער האַר אַ הונט אין וואַלד אַרײַן, / זאָל די קאַץ בײַסן, / הונט וויל נישט קאַץ בײַסן, קאַץ וויל נישט פויער דראַפּן, פויער וויל נישט עפּל רײַסן, / עפּעלע וויל נישט פאַלן.

שיקט דער האַר אַ שטעקן, אַ פֿײַער, אַ וואַסער, אאַז״וו ווי אין „חד גדיא״, אָבער זיי פירן נישט אויס די שליחות. צום סוף, קומט דער האַר אַליין אין וואַלד אַרײַן, / זאָל דעם עפּל רײַסן, / וויל שוין פויער עפּל רײַסן, עפּעלע וויל שוין פאַלן.

---

* אויך לויט זאַלמען ליבינזאָן, „אַ גילגול פון אַ ליד״ אין „סאָוו. היימלאַנד״, נר. 11, 1982.

ליטעראַרישע חד גדיא־לידער

דער חד גדיא־מאָטיוו פאַרנעמט אַ זייער בכּבודיק אָרט אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

לאָמיר ציטירן דאָס ליד „חד גדיא" פון שמואל צעסלער (אין הגדה, אַרויסגעגעבן פון צווישאָ און שלום עליכם־שולן, אין בוע־נאָס איירעס, אין 1950):

זינגט אַלע מיט אַ ניגעלע
אַ מעשׂה אַזוי־אַ:
געוועזן איז אַ ציגעלע
אַ ווייַסע, חד גדיא.

געקויפט האָט עס, באַקומען עס
ישׂראליק דער ייִד,
פאַר צוויי גילדן מזומנע
אויף פּוילישן יריד.

נאָר כּוחות בייזע, קריגערישע
פאַרכאַפּט האָבן די גאַס
און אויפן ווייַסן ציגעלע
געוואָרפן זיך מיט כּעס.

געשפּרונגען אַ צופרידענע
איז עס פון פרי ביז שפּעט,

ס'האָט יעדער ייִד און ייִדענע
געצערטלט עס, געגלעט.

איצט שפּרינגט עס אויף די שײַטערן
פֿאַרלאָשענע, — ס'איז פֿרײַ!
די רויע וונדן אײַטערן —
נאָר היילן זיך אויפֿסנײַ.

מיט שאַרפֿע נעגל קאַצישע
געריסן עס ביז בלוט,
די בייזע הינט, די נאַצישע,
געביסן: — יודע! יוד!

מיט שטעקן עס געקאַטעוועט,
אין פֿײַערן געברענט,
געטרונקען עס אין וואַסערן
און — דאָך עס נישט פֿאַרלענדט.

איך לעב — זינגט אויס דאָס ציגעלע,
דאָס ווײַסע — איך בין דאָ!
טאָ, זינגטזשע מיט אַ ניגעלע
די מעשׂה: חד גדיא!
חד גדיא.

און ווײַטער נאָך אַ וואַריאַנט פֿון „חד גדיא״ פֿון י. לוקאָווסקי (אין דער הגדה, אַרויסגעגעבן פֿון דעם בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק, אין 1948):

כ'האָב פֿאַר אײַך אַ מעשׂה'לע
אַ מעשׂה'לע, גאָר שיין.

דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
געקויפט פאַר צוויי גילדיין.

אַ ציגעלע, אַ ווײַסינקע,
אַ שייניקע ווי גאָלד.
און צוויי גילדיין מזומנע
האָט ער פאַר איר באַצאָלט.

איז דאָר אין הויף אַ קאַץ געווען,
אַ מזיק, ווי באַוווסט:
האָט קעצעלען זיך פאַרצוקן גאָר
דאָס ציגעלע פאַרגלוסט.

דערזען האָט עס הינטעלע,
פאַרדריסט עס אים גאַנץ שטאַרק,
ער וואַרפט זיך אויף דער בייזער קאַץ
און בײַסט איר אײַן אין קאַרק.

קומט שטעקעלע אין כּעס אַרײַן
און טראַכט גאָרניט קיין סך.
און שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען.
דו, הינט, ס׳איז ניט דײַן זאַך.

צעפלאַקערט האָט זיך פײַערל
פאַר כּעס צונטער־רויט:
דו, שטעקעלע, דו פלעקעלע,
איך מאַך דיר באַלד דעם טויט.
חד גדיא...

און נאָך אַ קליינער ציטאַט פון מאַרק וואַרשאַווסקי (אין בוך: „ייִדישע פאָלקסלידער״):

לאָמיר זינגען דאָרט און דאָ...
דעם חד גדיא, חד גדיא.
יעדער ווייסט דאָס, גרויס און קליין,
אַז בײַם אַלטן טאַטן איז אַ ציגעלע געווען...
קומט אַ קעצל — ס׳איז נישט פויל,
כאַפּט דאָס ציגעלע אין מויל...

ליטעראַרישע ציגלידער

די ציג איז געווען אַ וויכטיקע „פיגור" אין יידישן שטעטל. דער רוב ייִדן דאָרט איז געווען אָרעם, און נישט געקענט זיך דערלויבן צו האָבן אַן אייגענע קו. אַזאַ בהמה האָט געקאָסט אַ סך געלט און דערצו האָט זיך געפאָדערט אַ געהעריק פלאַץ, אַ שטאַל, מיט די נויטיקע איינריכטונגען, אַ גוטע באַשפּײַזונג און אַ באַדינונג, אַז זי זאָל קענען געבן מילך בשפע.

דאַקעגן, אַ ציג איז געווען פיל ביליקער, און האָט נישט פאַרנו־מען קיין סך פּלאַץ אין דער אָרעמער ווירטשאַפט. זומער איז זי מײנסטנס געשטאַנען אין דרויסן, אַ צוגעבונדענע צו עפּעס אַ סלופּ, אָדער אַ ביימל, און ווינטער — אין אַ ווינקל פון אַ קעמערל, און אין די גרויסע קעלטן, האָט מען זי אַרײנגענומען אין דער הײַזקע, ווי ענג זי איז נישט געווען, כּדי די „מילך־געבערין" זאָל נישט פאַר־פרוירן ווערן, און אפשר אויך כּדי זיך אַליין לעבן איר צו דערוואַ־רעמען. די באַשפּײַזונג פון דער ציג איז נישט געווען קיין שווערער עול. מיט גאַנץ קליינע קאָסטן און מיט נישט קיין גרויסן אָנשטרענג האָט דער אָרעמער ייִד, אָדער די נעבעכדיקע אלמנה געקענט אַרויסבאַקומען פון דער ציג יעדן טאָג אַ טעפּל מילך פאַר דעם הויזגעזינד.

און ווען ס'האָט זיך געטראָפן אַז אַפילו אין אַ גאַנץ באַמיטל־טער משפּחה איז געווען אַ קראַנקער אויף די לונגען, האָט מען אויך געהאָדעוועט אַ ציג, כּדי דער חולה זאָל האָבן צו טרינקען די פרישע, באַלד נאָכן מעלקן, זיסינקע מילך ווי אַ נאַטירלעך און

„זיכער"ווירקזאַם היילמיטל, וואָס אַפּילו דער דאָקטער, אָדער דער פעלדשער, שוין אָפּגערעדט פון די שכנים, האָבן הייס רעקאָמענ־דירט.

די ציג, אַזאַ היימיש באַשעפעניש, איז געוואָרן דער קענצייכן פון אַ ייִדיש שטעטל. דאָס דעליקאַטע ציגעלע איז נישט איין מאָל געווען אויך אַ „שפּילצײַג", אַן אָביעקט פון קונדיסישע שטיפעריַיען. און ווען אַ צעווילדעוועט יאַטל האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכן פון דער ציג זײַנס אַ „רײַטפערדל", האָט דאָס תמיד מילדע באַשעפע־ניש געוווסט זיך ענערגיש צו ווערן מיט אירע הערנערלעך און דעם חוצפּהדיקן קונדיס אַראָפּצוואַרפן פון זיך. זי איז נישט באַשטימט צו זײַן אײַנגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע, אָדער צו לאָזן עמעצן רײַטן אויף זיך. ניין, זי איז טאַקע אַ קליין, צאַרט, שוואַך באַשעפעניש, אָבער אַ פרײַס. איר שפּײַזער און פאַרזאָרגער באַלוינט זי קעגנזײַ־טיק מיט איר נאַרהאַפטיקער מילך. צו דעם איז זי פון דער נאַטור באַשטימט, אָבער נישט צו זײַן אַ „פערד"...

די ציג איז אַזאַ היימישער באַשטאַנדטייל פון דער אָרעמער ייִדישער משפחה, אַז זי הונגערט מיט צוזאַמען מיט איר, ווי אין „מאָניש" פון י. ל. פּרץ:

אין קיניגרײַך פּוילין,
האַרט בײַ דער גרעניץ
ליעגט זיך אַ שטעדטעלע,
גרויס ווי אַ געניץ.

און קוים וואָס מען זעהט עס,
מען הערט עס אויך זעלטען;
הײַזלעך ווי ניסלעך,
פון שמות געצעלטען...

אין גאַנצען אַ צענדליק,
צו צעהלען אויף פינגער!
עס בײַסן די ציגען
די דעכער פאַר הונגער! *

אויך בײַ **ד״ר י. ח. בילעצקי** הונגערט די ציג בײַ דער אָרעמער משפּחה. אַזוי דיכטעט ער אין זײַן אַלבום־בוך „40 באַלאַנען״, ז. 33:

צווישן קאַלטע ווענט איז געבוירן געוואָרן מײַן אַכט און צוואַנציקסטער באַלאַן
אין אָרעמע צימערן פול מיט באָרוועסע קינדער,
פון אויבן אָן
איז געשטאַנען אַ וויג, אַ מולטער,
אויך אַ הונגעריקע ציג,
אַ פּאָר צעבראָכענע בעטן
גלעטן
די אָרעמקייט.

און ווען דאָס קינד איז שוין געשטאָרבן פון הונגער, זינגט די וואַנזיניק געוואָרענע מוטער אין „דאָס קליינע מענטשעלע״ פון מענדעלע מוכר ספרים:

אליו־ליו, בידנע קינד,
ווייּ איז דער מאַמען, וויי און ווינד!
אינעווייניק אין וויגעלע
ליגט אַ קלאָר ווײַס ציגעלע,
ציגעלע־מע! ציגעלע־מע!

---

* די אָרטאָגראַפיע לויטן אָריגינאַל און נוסח פון מחבר.

ניט־זשע, ניט־זשע וויין,
ביסט דאָך עלענט ווי אַ שטיין —
ציגעלע־מע, ציגעלע־מע!...
ליידיק, ליידיק איז דאָס וויגעלע,
אוי נישטאָ מײַן קלאָר ווײַס ציגעלע!
ווי איז דער מאַמען, ווי און ווינד! *

ווײַטער ברענגען מיר עטלעכע מוסטערן פון ציגלידער, גרע־סערע און קלענערע טעקסטן, אָדער בלויז לענגערע צי קורצערע ציטאַטן.

די נעמען פון די מחברים ווערן אין אַלע פאַלן זײַן לויטן סדר פון א״ב.

דוד אײַנהאָרן — „אַ רגע רו״, ציטאַט, (אין בוך „ליטעראַטור און קאַמף״ פון א. ליטוואַק):

און איך קום אין לאַנד פון חלום
אין דאָס שטילע יוגענט־לאַנד.
דאָרטן פליהט די גאָלדענע פאַווע
איבער דער גן־עדן־וואַנט.
דאָרטן שטראָמט דער קוואַל פון לעבען!

אויף אַ דימענטענעם זאַמד
און דאָס ציגעלע, דאָס ווײַסע
עסט דאָרט מאַנדלען פון מײַן האַנד.

---

* די אָרטאָגראַפיע לויטן אָריגינאַל און נוסח פון מחבר.

העלער ווערען מײַנע אויגען
אין דעם שטילען חלום־לאַנד. *

מרדכי געבירטיג — „היי ציגעלע" (אין דעם לידער־בוך „מיר זינגען", צוזאַמענגעשטעלט: מיכל געלבאַרט):

היי ציגעלער, קומט אַהער צו מיר געשווינד,
אַ שיין לידעלע וועל איך אויסזינגען אײַך אַצינד.
פון אַ פּאַסטעכל הייבט דאָס לידעלע זיך אָן
און אַ מיידעלע וואָס האָט כּישוף אים געטאָן.

היי ציגעלער, הערט וואָס ווײַטער איז געשען.
לוסטיק, לעבעדיק איז דאָס פּאַסטעכל געווען.
הײַנט ווי אומעטיק, קוקט די שעפּעלער נישט אָן.
בענקט נאָכן מיידעלע, וואָס האָט כּישוף אים געטאָן.

היי ציגעלער, הערט פון לידעלע דעם סוף,
ווי יתומימלער בלאָנדזשען איצט זײַנע בידנע שאָף.
טיף אין טײַכעלע ליגט דאָס פּאַסטעכל נאָך הײַנט
און דאָס מיידעלע זיצט בײַם וואַסערל און וויינט.

דאָס ליד פון מרדכי געבירטיק פאַרמאָגט אַלע סגולות, וואָס זענען דער קענצייכן פון אַ באַלאַדע. אַ סענטימענטאַלער, לירישער טרויער שוועבט איבער דער ראָמאַנטישער באַציִונג צווישן פּאַס־טעכל און דעם מיידעלע, פון וועלכער ער איז פאַרכּישופט געוואָרן. און אין דעם מיסטעריעזן טראַנס פון דער נישט געשטילטער בענק־שאַפט צו זײַן געליבטער, האָט ער טראַגיש פאַרענדיקט זײַן יונג לעבן — זיך דערטרונקען אין טײַכל. און דאָס מיידעלע זיצט נאָך

* די אָרטאָגראַפיע לויטן אָריגינאַל און נוסח פון מחבר.

ביז הײַנט בײַם װאַסער אין טיפן טרויער און װײנט ביטער נאָך איר פֿאַרלוירענעם ליבלינג.

בינם העלער — „בײַם װיגל זענען ציגעלער געשפּרונגען", ציטאַט, לידער־בוך „בײַם ראַנד":

בײַם װיגל זענען ציגעלער געשפּרונגען,
דאָס װיגל האָט געזאָלט צום הימל גרייכן,
מײַן מאַמע האָט אַ ליד אַזאַ געזונגען —
אַ העלפט פון ניגון און אַ העלפט פון שמייכל.

בין איך אַװעק אויף מוראַדיקע װעגן,
איך האָב די שװאַרצע האָר זיך אָפּגעפּרוירן,
איך האָב די אויגן אויסגעשװענקט אין רעגן —
און כ'האָב מײַן מאַמעס שיינע ליד פֿאַרלוירן.

— — — — — — —

בין איך אַװעק אין װאָגל און אין װאַנדער,
די היים פֿאַרטױשט אויף הונדערט אַדרעסן,
און דאָרט האָט זיך דאָס ליד געזונגען אַנדערש,
און דאָרט האָב איך מײַן שװעסטערס ליד פֿאַרגעסן.

— — — — — — —

אלעף כּ"ץ — אַ ליד װעגן ציגעלע *

אין דער ערגעצדיקער װײַט
פון די קומענדיקע יאָרן,
איז אַ ציגעלע אַ װײַס
געקומען צו פֿאָרן.

* לויט דער לידער־זאַמלונג „אונטער יאַנקעלעס װיגעלע" פון ברכה קאַפּשטיין און בנימין כ"ץ.

— — — — — — —

אינאײנעם מיטן ציגעלע
אַזוי און אַזוי
איז געקומען צו פֿאָרן
אַ פֿײגעלע בלוי.
האָט דאָס ציגעלע געבראַכט
וואָס אַ ציגעלע טוט האַנדלען.
באָקסער און טײטלען,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
און דאָס פֿײגעלע, דאָס בלויע,
האָט געבראַכט אין מויל אַ בלאַט —
אָנצושרײַבן די געשיכטע
פֿון דעם יונגן יאַט.

אויך בײַ כ״ץ האָבן מיר דעם ציגעלע־מאָטיוו, ווי אין דער סכעמאַטישער פֿאָלקס־מעשׂה, מיט דעם באַקאַנטן רעפֿרײן: ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און אַפֿילו מיט אַ צולאָג: באָקסער און טײטלען. און אַחוץ דעם ציגעלע, פֿירט דער דיכטער אַרײַן אויך נאָך אַ צווײטן עלעמענט, דאָס פֿײגעלע; נישט דווקא די גאָלדענע פֿאַווע, ווי למשל, מאַנגער, נאָר אַ פֿײגעלע, אַ בלויס — אַן אָנגענומענער סימבאָל פֿון האָפֿענונג...

און וואָס ברענגט דאָס בלויע פֿײגעלע? — אַ בלאַט אין מויל. אַ בלאַט — אַן אַסאָציאַציע מיט דער תנ״כישער טויב, וואָס האָט געבראַכט נח׳ן, ווי אַ צייכן, אַז דער מבול גייט שוין צו זײַן סוף.

אָבער אין דעם ליד קומט פּלוצעם אַן איבעראַשונג. דער מחבר ווענדט אָן דעם אויסדרוק „בלאַט״ אין זײַן צווייטער באַדײַטונג אין יידישן לשון. נישט קיין בלאַט פֿון אַ בוים, נאָר אַ בלאַט פּאַפּיר. און צו וואָס פּאַראַ צוועק? — כּדי „אָנצושרײַבן די געשיכטע פֿון דעם יונגן יאַט״, פֿון דעם קלײנעם קינד.

דאָס געדיכט פון אַלעף כ״ץ איז באַהויכט מיט דער גראַציע און זאַנפטיקייט, מיט דעם טעם און ריח און מיט דעם קלאַנג און ריטעם פון אַן עכט פאָלקס־ליד, לויט דעם, שוין „קלאַסיש״ געוואָרענעם, מאַנגערישן מאַנעריזם, (זע אויך: י. ח. בילצקי — „איציק מאַנגער״, ז. 310).

זישע לאַנדוי — „דאָס ליד פון ווײַסן ציגעלע״:

די מלכּה פון דער מעשׂה
מיט מיר אינאיינעם שפּאַנט,
דאָס ציגעלע דאָס ווײַסע
צופּט גרעזלעך פון מײַן האַנט,
מײַן פּאַווע האָט די פליגל
די גאָלדענע צעשפּרייט;
די נאַכט ליגט אונטער ריגל,
די שרעק ליגט אויף אַ קייט.

די „גאָלדענע פּאַווע״ און דאָס „גאָלדענע ציגעלע״ זענען פּאָעטישע סימבאָלן פון דעם פאָלקסליד. אין דער ייִדישער קונסט־ליריק גייען די דאָזיקע סימבאָלן אָפט צוזאַמען, ווי בײַ דעם אויבן ציטירטן און אויך אין דעם פאָלגנדיקן, (י. ח. בילצקי — „איציק מאַנגער״, ז. 287 א״וו).

אהרון גלאַנץ־לעיעלעס — „ייִדישער קאַראַוואַן״:

געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע אַרויף און אַרונטער.
די פעדערן בלענדיק צעפאָכעט, די אויגן העל און מונטער.
געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע און געברומט אַ ניגעלע,
דערזעט זיך אַ פעלד, און אין מיטן שטייט דאָס קלאָר־ווײַסע ציגעלע

וואָס טוסטו, ווײַס ציגעלע, אונטן? „איך וויל דאָך פּאָרן האַנדלען
פּאַר יאַנקעלען די כּשרע, ריינע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״.
טאָ גיכער קום, ציגעלע, אַרויפצו, און האָב פּאַר גאָרנישט מורא,
מיר וועלן אינאיינעם איצט זוכן די סאַמע בעסטע סחורה.

געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע מיטן ציגעלע צוזאַמען,
געפלויגן דורך שטעט און דורך לענדער איבער אַלע ימען.
געפלויגן ווי ס׳פינקלען די שטערן און ווו גאָטס טרערן רינען,
נאָר וואָס זייער האַרץ האָט געבעטן — נישט געקאָנט געפינען.
באַפאַלט זיי אַ ווינט און אַ חושך, אַ שוואַרצער ווי אַ טאַטער,
דאָ דרייט זיך זיי ביידן אַנטקעגן דער קלוגער פּיפּערנאָטער.

דו ביסט דאָך אַ בריה אַ גרויסע, דו קאָנסט דאָך טענדלען־טאַנדלען,
טאָ ווײַז אונדז אַ קונץ און דערלאַנג אונדז די ראָזשינקעס
מיט מאַנדלען.

גיי פּאָלג מיך אַ גאַנג און געפין זיי,
נאָר כ׳בין איַיך גרייט צו פירן
צום ווייסער, דעם גרעסטן פון אַלע,
דעם ווילזלטיר פון טירן.

עס יאָגט זיך קיין וויכער נישט גיכער, ווי ס׳האָט דעם פּיפּערס כּישוף
געטראָגן די דרײַ צו דעם וויזל און צו זײַן ווײַטן ישוב.

דו ווילזלטיר, ווײַסער דו גרעסטער, דו זאָלסט אונדז גוט באַהאַנדלען,
געפין אונדז די כּשרע, ריינע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

„איך ווייס ווו זיי בליִען און וואַקסן, נישט פיל און אויך נישט ווינציק.
באַזעצט זיך בײַ מיר אויפן רוקן און כ׳ברענג אײַך וויל און גינציק״.

אַ שפּאַנונג און אַ פּלי און אַ הוידע — און ס׳ליגט פאַר זיי אין נעבל
דער בייזער, דער הייסער סמבטיון וואָס שיסט מיט פּעך און שוועבל.

נאָר ווידער אומזיסט זייער טרחה — קיין ראָזשינקעס, קיין מאַנדלען.
דאָ האָט זיך דאָס ציגל צעציקלט: „טאָ וואָסזשע וועל איך האַנדלען?״

האָט דעמאָלט אַ בת־קול פון הימל געלאָזט זיך טרויעריק הערן:
נישטאָ מער קיין כּשרעס ווי האָרץ־בלוט, קיין ריינערס ווי די טרערן.

אָט דאָס איז די טײַערסטע סחורה צו האַנדלען און וואַנדלען,
פאַר יאַנקעלען די כּשרע, ריינע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

זיי זענען אַוועק צום באַרג סיני פאַרטראַכט און היפּש פאַרוואונדערט.
זיי האָבן דאָס קול אויפגעהויבן און וויינען נאָך אַצינדערט.

אין דעם ליד פון לעיעלעס געפינען מיר דיביידע עלעמענטן ווי בײַ איציק מאַנגער, די „גאָלדענע פּאַווע״ און דאָס „גאָלדענע ציגעלע״. ביידע פּאַוועס האָבן די זעלבע שליחות. די „גאָלדענע פּאַווע״ פון מאַנגער זוכט „די נעכטיקע טעג״, דעם ניגון פון די „ראָזשינקעס און מאַנדלען״, דעם ניגון פון דער קינדהייט, וואָס איז פאַרביי און איז שוין מער נישטאָ. און די „גאָלדענע פּאַווע״ און דאָס „גאָלדענע ציגעלע״ פון לעיעלעס פליִען אויך אַרום, זוכנדיק „די סאַמע בעסטע סחורה״ פאַר יאַנקעלען, די „כּשרע, ריינע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״.

די „גאָלדענע פּאַווע״ פון מאַנגער הערט אויף זיך נאָכצופרעגן, „זי ווייסט אַליין, / אַז די פרוי אין שוואַרץ, וואָס שפּרייט איר געוויין / איבערן קבר, בײַם ראַנד פון וועג, / איז די אַלמנה פון די נעכטיקע טעג״. (בילצקי — ז. 281 א״וו). דאָס איז די נאַקעטע טראַגישע ווירקלעכקייט. נישטאָ מער קיין אילוזיעס.

„דאָס ליד פון דער גאָלדענער פּאַווע" פון מאַנגער איז דער־שינען אין זײַן בוך „וואָלקנס איבערן דאַך", אַרויסגעגעבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין אָנבליק פון די מאַסן־קברים פון מי־ליאָנען, פרעגט שוין די פּאַווע מער גאָרנישט. דער פּאָעט בלײַבט ממש אָן לשון. זײַן אילוזיע, זײַן אויסגעבענקטער חלום איז אויס־געדרונען.

און ווו געפינט לעיעלעס די אַזוי געגאַרטע „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", דעם פאַרבענקטן ניגון פון דער קינדהייט, זײַנע „נעכ־טיקע טעג" ? אַ בת־קול פון הימל לאָזט דעם דיכטער הערן : „נישטאָ מער קיין כּשרעס, ווי האַרץ־בלוט, קיין ריינערס ווי די טרערן".

טרערן בײַ דער „פרוי אין שוואַרצן" פון מאַנגער און טרערן בײַ לעיעלעס. אַ דאָמינירנדיקער עלעמענט פון דעם מענטשנס לעבן...

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — „די ווײַסע ציג פון כפר־סבא" (אין בוך „מאַרצעפּאַנעס") :

די ווײַסע ציג פון כפר־סבא
האָט באַוויזן וווּנדער,
זי האָט געגעבן מילך פאַר כפר־סבא
הונדערט קוואָרט און נאָך אַ מאָל הונדערט.

איז מען געקומען
מיט טעפּ און מיט קריג
און געשעפּט און געשעפּט
פון דער מילכיקער ציג.

איז מען געקומען
מיט עמערס אין ריי,

די קינדער פֿאָרויס
און די מאַמעס נאָך זיי.

און מען טרינקט,
און מען שלינגט,
און מען קוויקט זיך ביז גאָר,
אַז עס וואַקסן ביַי קינדער
גאָר העלער די האָר.

איז מען געקומען פון דאָרף
און פון שטאָט
זען די שׂמחה, די גדולה,
איז מען געקומען אַזש פון ירושלים
און אַ שליח געשיקט פון עפולה.

אַז ער האָט געגרייכט אין עמק צוריק,
זיַינען מענטשן געגאַנגען, געלאָפן אים הערן,
און ער האָט דערלאַנגט אַ באַריכט פון דער ציג,
אַז זי פיטערט זיך דעמאָלט, ווען עס שיַינען די שטערן.

און אין לענדער מרחקים, וווּ נאָר אַ ייִדישע שטוב,
האָט קינד און קייט, טאַטע־מאַמע, און זיידע, און באָבע,
דערציילט און דערציילט, און אַ שׂמחה געמאַכט
לכּבוד דער ציג פון כּפר־סבא.

מען האָט פאַר דער ציג אַ שטעלכל געבויט, —
אַ ציגענער פּאַלאַץ ביזן הימל, —
מיט אַ שיַיבל אין דאַך און אַ לעכל אין טיר,
און צוועלף קאַמערס פאַר קעזלער מיט קימל.

און די ציג האָט זעקס ציגעלעך קליינע געהאַט,
אַלע ווײַסינקע, ווײַסינקע סאַמע,
און אַלע זעקס זײַנען מילכיקע ציגן געוואָרן,
יעדע איינציקע פונקט ווי די מאַמע.

און די ווײַסע ציג האָט באַקומען אַ קרוין
פון בלימעלעך רויטע און ראַבע,
און יעדן ראש־חודש שפּאַצירט זי אַרום
אַ געקרוינטע אין מיטן כּפר־סבא.

איז די משפּחה פון דער ווײַסער ציג
סאַמע יחוס און גדולה אויף דורות להבא,
אלה תולדות — דאָס איז די געשיכטע פון דער ווײַסער ציג,
פון דער ווײַסער ציג פון כּפר־סבא.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — „דער פּאַסטעך“ (אין בוך „מאַרצע־פּאַנעס“):

אַמאָל איז אַ פּאַסטעך געווען,
האָט ער אַפילו קיין ציג ניט געהאַט,
האָט ער אַפילו קיין רוט ניט פאַרמאָגט,
נאָר לאָנקעס האָט ער געהאַט גרינע.

איז דער פּאַסטעך אַוועק
צו זוכן אַ ציג,
אָפּצושנײַדן אַ רוט
איז ער געגאַנגען איבער גאָר דער מדינה.

אין אַ העלן פֿאַרטאָג
בײַ אַ גרינעם דאָרף
האָט ער אַ װײַסע ציג געפֿונען.

פֿון אַ הויכן דעמב
בײַ אַ בלויען טײַך
האָט ער צװײַגל אַ יונגן גענומען.

און ער איז געגאַנגען זײַן װעג צוריק,
זײַן פֿרייד איז גרעסער געװען װי גאָר די מדינה.
און אַז ער איז געקומען צוריק צו זײַן היים
זײַנען פֿאַרטריקנט געלעגן די לאָנקעס די גרינע.

קאַדיע מאָלאָדאָװסקי — „אַ מעשׂה מיט אַ חדר־ייִנגל מיט אַ ציג", (װי אויבן), בקיצור:

דוד איז געװען דער בעסטער תּלמיד אין חדר. ער האָט שטענ־דיק געקענט די פּרשה חומש אויף אויסנװייניק. איינמאָל האָט ער אויפֿן װעג דערזען אַ ציג. ער איז זי נאָכגעלאָפֿן און אַ צי געגעבן פֿאַרן עק. געקומען אין חדר, האָט ער דאָס גאַנצע לערנען פֿאַר־געסן. אַהיים גייענדיק, האָט ער שטאַרק געװיינט. ס'האָט שטאַרק געדרענגט. פּלוצעם האָט זיך אים באַװיזן נח פֿון זײַן תּיבֿה און ער האָט אים געראָטן אַרויסצונעמען בײַ דער ציג איר זילבערן רינגעלע, װעט ער מיט דעם באַקומען אַלץ װאָס ער װעט װעלן.

אין חדר האָט דוד זיך דערמאָנט די פּרשה, װאָס ער האָט געלערנט אויף אויסנװייניק, װי תּמיד. אויפֿן װעג אַהיים, האָט ער װידער דערזען די ציג, ר'האָט זיך אויף איר אַרויפֿגעזעצט און זי געבעטן אים צו געבן איר זילבערן רינגעלע. די ציג איז אויפֿגע־שפּרונגען ביזן הימל און אַראָפּגעשאָקלט דודן פֿון זיך, אָבער פֿון דעם גרויסן שפּרונג, איז בײַ איר אַרויסגעפֿאַלן דאָס רינגעלע. דוד

האָט עס אַ כאַפּ געטאָן, אַריינגעלייגט אין קעשענע און געקומען אין חדר. דעם טאָג האָט ער געקענט די פּרשה נאָך בעסער ווי תמיד.

איינמאָל האָט ער זיך מיישב געווען: צו וואָס דאַרף ער לערנען, ער וועט אָנרירן דאָס רינגעלע, וועט ער שוין במילא קענען אַלץ אויף אויסנווייניק. אָבער ווי פאַרשעמט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט געדאַרפט זאָגן די פּרשה און אַרײַנגעלייגט די האַנט אין קעשענע, האָט ער נישט געפונען דאָס רינגעלע און נישט געקענט זאָגן קיין וואָרט. אויפן וועג אַהיים, האָט ער יאָמערלעך געוויינט. דאָס מאָל האָט אויך שטאַרק געדעגנט, און פון דער תיבה האָט נח אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. דערהערנדיק פון דודן, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס רינגעלע, האָט ער אים דערמאָנט, אַז ער האָט אים בפירוש געזאָגט, אַז מיטן רינגעלע וועט ער אַלץ האָבן, וואָס ער וועט וועלן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט לערנען, נישט הערן דעם רבינס לערנען, האָט זיך דאָס רינגעלע פון אים אָפּגעטון. נח איז מיט דער תיבה פאַרשוווּנדן. דוד האָט שטאַרק געוויינט און פּלוצלינג דערזען, ווי דאָס זילבערנע רינגעלע קייקלט זיך גלײַך צו זײַנע פיס. ער האָט עס מיט גרויס פרייד אַ כאַפּ געטון און עס אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. דוד האָט זיך געשווּוירן, אַז ער וועט זיך שוין מיט דעם רינגעלע אַזוי באַגיין, אַז עס וועט שוין קיינמאָל פון אים נישט אַוועק. די ציג האָט שוין דוד מער נישט געטראָפן און נח מיט דער תיבה האָט ער אָפט געזען אין חלום.

איציק מאַנגער — „דאָס ליד פונעם ציגעלע" (אין „וואָלקנס איבערן דאַך"):

דער טאַטע האָט געקויפט אַ ציגעלע
מיט יאָרן לאַנג צוריק,
אין „חד גדיא" עס פאַרשפאַרט,
געבונדן מיט אַ שטריק.

איז טרויעריק דאָס ווײַסע ציגעלע,
ווינד איז אים און ווײ —
זומער זעט עס נישט קיין גראָז
און ווינטער — נישט קיין שניי.

זאָגט מײַן ברודער: איציק, הער,
ווי אַזוי דערלויבט עס גאָט,
צי איז אים נישט דאָס ציגעלע,
דאָס ווײַסינקע אַ שאָד?״

זאָג איך: „נאָטל, ביזט גערעכט!״
און נישט לאַנג געטראַכט —
ס׳איז געווען, ווי זעלטן ווען,
אַ שיינע ועסנע־נאַכט.

דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט,
ס׳שלאָפט דאָס גאַנצע הויז,
פירן מיר פונעם „חד גדיא״
דאָס ציגעלע אַרויס.

מיר פירן בײַ די הערנער עס,
די וועלט איז ווײַט און גרויס,
און ווו מיר לאָזן עס אַליין,
דאָס זאָגן מיר נישט אויס.

פסח, די ערשטע סדר־נאַכט,
דאָס ציגעלע איז נישטאָ, —
פרעגט דער טאַטע: „איציק, דו?״
זאָג איך: „אַבערוואָ!״

פרעגט דער טאַטע: „נאָטל, דו?"
זאָגט ער: „וואָס און ווען?
זינט פאַראַיאָרן פסח־צײַט
דאָס ציגעלע נישט געזען!"

דער טאַטע מיינט, די מאַמע ווײנט,
און קיינער ווייסט נישט וואָס —
זינגט מען דעם „חד גדיא" אָפּ,
איז דאָס שוין נישט דאָס...

טאָ ווּזשע איז דאָס ציגעלע?
ס'שפּרינגט אַרום אין פעלד
און האָט הנאה פון דער זון
און פון דער גאַנצער וועלט.

פון דעם דאָזיקן ליד, כאָטש געשריבן אין אַ שפּאַסיקן טאָן, זעט מען אָבער דאָס ערנסטע און לויטערע רחמנות־געפיל פונעם מחבר און אויך פון זײַן ברודערל נאָטע צום ציגעלע, וואָס איז אײַנגע־זעצט אין „חד גדיא" (אין דאָפּלטן זין פון וואָרט), צוגעבונדן מיט אַ שטריק. ס'איז טרויעריק — „זומער זעט עס נישט קיין גראָז און ווינטער — קיין שניי". ביידע ברידערלעך דערלויבן זיך צו באַפרײַען דאָס ציגעלע אָן דעם וויסן און דער הסכמה פונעם פאָטער, אַפילו גורם זײַענדיק אים און אויך דער מוטער גרויס עגמת־נפש.

דאָס איז אַ סימבאָלישער אַקט. דער דיכטער קאָן נישט פאַר־לײַדן די עוולה, די אומגערעכטיקייט, אַז אַ ריין, אומשולדיק באַשע־פעניש זאָל זײַן באַרויבט פון דער פרײַהייט, זאָל זײַן געבונדן, אונטערדריקט.

מ'דאַרף עס באַפרײַען. זײַנע געפילן און שטרעבן דעקן זיך פולשטענדיק מיט די פון זײַן ברודער.

כּדי אונטערצוּנעמען אַ באַפרײַוּנגס־אַקציע דאַרף מען זײַן פּאַראייניקט... אַנווענדן געמיינזאַמע כּוחות... און האַנדלען אין גע־היים, אין קאָנספּיראַציע...

אינעם קאַמף פאַר דער באַפרײַונגס־אידייע מוז מען ברענגען געוויסע קרבנות, לײַדן פּאַרלוסטן און דורכפאַלן. די ברידער מאַנ־גער זענען אויסגעשטעלט אויף אַ פײַנלעכער חקירה ודרישה פון זייער פאָטער. זיי מוזן צוזען דעם טאַטנס צער און דער מאַמעס געוויין. זיי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט. יאָ, לטובת דער הייליקער מיסיע, צוליב דעם פרײַהייטס־אידעאַל מוז מען אַמאָל פאַרשווײַגן דעם אמת... אָבער דער דערגרייכטער ציל גיט זיי די געהעריקע סאַטיספאַקציע. זיי פרייען זיך, וואָס זייער ציגעלע „שפּרינגט אַרום אין פעלד און האָט הנאה פון דער זון / און פון דער גאַנצער וועלט״.

אָבער ווי האָבן זיי דאָס ציגעלע געלאָזט, „דאָס זאָגן״ זיי „נישט אויס״. זיי האָבן מורא, אַז אין אַ וועלט פון אכזריות און רשעות לויערן נאָך געפאַרן פאַר דעם שוצלאָזן באַשעפעניש. די דערגרייכטע פרײַהייט פאָדערט אַ פאַרזיכערונג און באַשיצונג...

איציק מאַנגער — אויסצוגן פון „די באַלאַדע פון דעם ייִד וואָס האָט געפונען די האַלבע לבנה אין אַ קאָרן־פעלד״ (אין בוך „ליד און באַלאַדע״):

גייט אַ ייִד קיין זאַבלטאָוו,
פירט ער אויף אַ שטריק אַ ציג,
נישט קיין ציג — אַן אבן טוב,
געקויפט אין ווײַטן לעמבעריק.
אַ ציג־ציג־ציג, אַן אבן טוב,
געקויפט אין ווײַטן לעמבעריק.

— — — — — — —
גייט דער ייִד און פירט די ציג
און ער טענצלט אונטער,
אין מערבֿ־זײַט פֿאַרגייט די זון,
בלוט און גאָלד און צונטער.
— — — — — — —
שטעלט דער ייִד זיך בײַ אַ בוים
און דאַוונט מערבֿ מונטער,
שפּרינגט דרײַ מאָל „קדוש״ און די ציג —
שפּרינגט אויך דרײַ מאָל אונטער.
— — — — — — —
און מיט אַ מאָל דערפֿילט דער ייִד
ווי ס'נעמען אים די ווינטן
און טראָגן אים אַרויף אַרויף
ווו די וואָלקנס קלינגען זיך צונויף
אַזש באָרד און פּיאות פֿלאַטערן
אין שפּיל פֿון די געשווינטן.

שטייט און גאַפֿט די ציג אין וועג,
די שטימע ווײַסע בריאה,
שרײַט דער ייִד צו איר אַראָפּ
„זײַ געזונט, מציאה,
גריס מײַן ווײַבל זלאַטע לעב
און מײַן פֿעטער שיע!״
— — — — — — —
פֿליט דער ייִד און זינגט אַ ליד:
„וואָס איז פֿון מיר געוואָרן?
אַ וואָגלער איבער ווײַט און צײַט,
אַן אומרו צווישן גאָט און לײַט,

אבר הם בעקער

אַ ניגון טרויעריק און פאַרשייט
אויף אַ לבנה-האָרן״.

אַזוי ווי דער טיטל, אַזוי איז אויך דאָס ליד היפּשלעך לאַנג. עס אַנטהאַלט 17 סטראָפעס צו זעקס שורות יעדע איינע. דאָ זענען ציטירט בלויז די דאָזיקע, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דער ציג-מאָטיוו.

די קווינטעסענץ פון דעם געדיכט געפינט זיך, לויט מיַין באַשיידענער מיינונג, אין דער לעצטער ציטירטער סטראָפע: „דער ייִד איז געוואָרן אַ וואָגלער איבער וויַיט און ציַיט, אַן אומרו צווישן גאָט און ליַיט״...

אַברהם סוצקעווער — (אויסצוגן פון צוויי פּאָעמעס: „פאַר וואָס״ און „די קאַרש פון דערמאָנונג״, אין בוך „אין פיַיער-וואָגן״):

.1
ציגן, ציגן
ציִען זיך פון שטאָציק בלאַנקע שטיגן,
אַ וויַיסע נאָך אַ שוואַרצע,
אַ שוואַרצע נאָך אַ וויַיסע —
ווי קלאַווישן אָפּגעפלויגן אַקאָרשט פון קלאַוויר,
און דער ניגון
נידערט אינעם טאָל — אויף אַלע פיר —
אויף אַ דינעם שטעג מיט אַלעאַנדער-בליט באַשאָטן,
צו באַזיגן
וועלטן אָן אַ שאָס.
פון אַלע ציגן פאַלט אַ שוואַרצער שאָטן.
פאַר וואָס?

.2
און זע:
אויס יעדן שטאַנגענשפּיץ פון לייטער, אין דער הייך,
וואַקסט אַרויס אין וויסטעניש פון הימל אַ באַשעפעניש —
אַ רויטער לייב פון איין שפּיץ,
פונעם אַנדערן — אַ ציגעלע,
ס׳ברומט דער לייב.

די אויגן — צוויי וווּלקאַנען־מײַלער — שפּריצן
אין אַלע וועלטן שטורעמדיקע דימענטן.
זײַן לייבן־גריווע, אין אַ קרוין פון זונאויפגאַנג, צעטרייסלט
פעלדזן אויף דער ערד,
און ווי ס׳געזאַנג פון ווילדע דונערן
קײַקלט זיך פון צאָרנדיקן לייבנמויל זײַן ברומען.
און ס׳ציגעלע, אַ ציטעריקס און ווײַס ווי מילך —
סע ברומט ניט, —
מעקעט שטילערהייט אַנטקעגן ברומענדיקן לייב
און — אויסטערליש! —
דער „מע״, ווי אַ געוויין פון אַלע צײַטן,
באַזיגט די ברומעניש פון לייב —
דעם צאָרן פונעם קיניג.

ווי אין אַן אַפּאָקאַליפּטישער וויזיע זעט סוצקעווער די צוויי אייביקע קעגנגעזעצטע בריאים: דעם לייב, דעם קיניג — אַ סימבאָל פון מאַכט און גוואַלד פון איין זײַט, און „ס׳ציגעלע, אַ ציטערדיקס און ווײַס ווי מילך״ — אַ סימבאָל פון שוואַכקייט און אָנמאַכט, פון דער צווייטער זײַט.

אָבער אין דעם דראַמאַטישן פאַרמעסט פון די צוויי בולטע אַנטאַגאָניזמען געשעט עפּעס „אויסטערליש״ — דאָס שוואַכע

ציגעלע באַזיגט דעם שטאַרקן לייב. דער פּיזיש שוואַכערער אָבער גערעכטער איז מנצח דעם קערפּערלעך שטאַרקערן אָבער אומ־גערעכטן.

ביישפּילן פון אַזעלכע „נסים" פעלן נישט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, וואָס ווערט אָפט סימבאָליזירט ווי אַ ציגעלע.

יעקב פּיכמאַן — „קבר רחל" (אין „וואָרצלען", אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישׂראל):

אין נאַקעט־געלן טאָג דו שטייסט פאַרטויבט אַנטשוויגן —
אַ הויפן הוילע שטיינער, אַ מדברשע רויִנע —
און גלייַכגילטיק פאַרשטומט אויף קעמל־האָרבן וויגן
אין הייסן זאַמד פאַרבייַ זיך מידע בעדויִנען.

נאָר קומט די רחמימדיקע נאַכט, אַראָפּגעשטיגן,
און שטערן בליִען אויף ווי גאָלדענע בורשטינען, —
ביסט דו דער ווייַסער רוף צו וואָגלענדיקע ציגן,
און שטראָמען גליק פון דיר אויף אַלע וועגן רינען.

אין קעגנטייל צו די אַנדערע ציטירטע לידער, וואָס זענען גע־שאַפן אויפן באָדן פון די גלות־לענדער, איז דאָס ליד פון פּיכמאַן פאַרפאַסט אין ארץ־ישׂראל, און עס אָטעמט מיט „אוירא דארעא".

ווי באַקאַנט, איז רחל, דאָס באַליבטע ווייַב פון אונדזער פאָטער יעקב, געשטאָרבן אויפן וועג צו בית־לחם און דאָרט געקומען צו קבורה (בראשית, לה, יט־כ).

אין קעגנזאַץ צו די אמהות שׂרה, רבקה און לאה, וואָס זענען נקבר געוואָרן אין דער מערת המכפלה אין חברון, איז אונדזער מוטער רחל דאָרט נישט באַגראָבן געוואָרן, נאָר, ווי שוין געזאָגט, אויפן אָרט, וווּ זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה בשעת דער שווע־

רער געבורט פון איר זון בנימין, אויפן וועג אין דער געגנט פון בית־לחם.

דער קבר דאָרט עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג און איז זייער פאַרהייליקט. פון די עלטסטע צייטן קומען דאָרט ייִדן מבקר זײַן און אָפּריכטן תפילות, און אויסבעטן רפואות, ישועות ונחמות.

דער פייסאַזש פון דעם דאָ געשילדערטן בילד איז אַ מדבר־דיקער. אַפילו דער טאָג איז נישט קיין ה ע ל ע ר, ווי מ׳שרייבט געווינלעך, נאָר אַ ג ע ל ע ר, פון דער געלער גליִענדיקער זון און פון דעם הייסן געלן זאַמד. אין אַזאַ טאָג וויגן זיך פאַרביי בעדויִנען אויף די קעמל־האָרבן.

אָבער בײַ נאַכט בײַט זיך דער אימאַזש. אויפן אָרט פון דער געלער זון, „שטערן בליִען אויף ווי גאָלדענע בורשטינען". וואָס פאַרא שיינער מעטאַפאָר! אויך אַ געלקייט, אָבער גאָר אַן אַנדערע, אַ געלקייט, ווי „גאָלדענע בורשטינען"...

אין קעגנזאַץ צום טאָג, וואָס מאַכט מיד די וואַנדערנדיקע בעדויִנען, איז די נאַכט אַ „רחמימדיקע", אַ לײַטזעליקע צו די „וואָגלענדיקע ציגן". אַן אַלוזיע צו די וואָגלענדיקע ייִדן...

דער מחבר דריקט אויס זײַן אמונה, אַז פון דער באַרמהאַרציקער מוטער רחל „רינען שטראָמען גליק אויף אַלע וועגן"...

יעקב פרידמאַן — „בײַם ירדן" (אין „וואָרצלען"):

בײַם ירדן דער יונג פון פוילן
שטייט מיט דער ליכטיקער האַרף,
די כוואַליעס זינגען פאַרהוילן
אין לשון פון אַלטן תנ"ך.
— — — — — — — — —
ער הייבט די אויגן פאַרחידושט

איבער פּרדסים און פּורפּור־צעבלי
און ער הערט: סע כליפּעט אויף ייִדיש
די גאָלדענע פּאַווע אין פלי.
— — — — — — — —
מיט ראָזשינקעס און זיסע מאַנדלען
קערט דער זיידע פון ירידים צוריק.
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע דאָס ציגעלע
מיט דער תחינה די מאַמע פאַרוויגט.
— — — — — — — —
אומעטום ווו ייִדן קומען
פליט די פּאַווע מיט.
און טראָגט אין איר גאָלדענעם גומען
מיט דאָס ייִדישע ליד...

אויך פרידמאַנס ליד איז געשאַפן געוואָרן אויף דעם ישׂראל־דיקן באָדן. די לאַנדשאַפט איז אַ ישׂראלדיקע: פּרדסים, ירדן, אָבער דער אימאַזש איז ווי אין די גלותדיקע וויגלידער, דער באַקאַנטער מאָטיוו: דאָס ציגעלע אונטער יאַנקעלעס וויגעלע, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. אָבער עפּעס איז דאָך אַנדערש: די מאַמע פאַרוויגט גאָר דאָס ציגעלע און נישט דאָס ייִנגעלע (?!).

דער דיכטער הערט דאָ צוויי שפּראַכן: די כוואַליעס פון ירדן־טײַך „זינגען אין לשון פון אַלטן תנ״ך", עברית, און די פּאַווע „כליפּעט אויף ייִדיש". אַ דאָפּלטע קאָמפּאָזיציע: העברעיִש מיט ייִדיש און זינגען מיט וויינען, אויפן לשון פון תנ״ך זינגט מען און אויפן לשון ייִדיש כליפּעט מען...

האָט דער פּאָעט געמיינט צו זאָגן: אויף לשון קודש זינגט מען און אויף לשון הקדושים וויינט מען? אין אָנבליק פון דעם ירדן, דערוועקן זיך רעמיניסצענצן פונעם טרויעריקן גלות?

אַזוי ווי בײַ מאַנגער, גייט דאָ אויך געפּאָרט דאָס ציגעלע מיט

דער גאָלדענער פאַווע, די צוויי סימבאָלן פון יידישן פאָלק, פון יידישן ליד, ווייל „אומעטום ווו יידן קומען", פליט מיט די פאַווע, „וואָס טראָגט אין איר גאָלדענעם גומען דאָס יידישע ליד".

י. ל. פרץ — „ציקעלע" (אין „לידער און באַלאַדעס"):

מיין ציקעלע אין שטעלעכל
ציטערט מיטן פעלעכל.
באַלד פרי־מאָרגן אויפגעוועקט,
און ווי טרויעריק עס בלעקט
בלע... בלע...

מיין ציקעלע, מיין ציקעלע,
צוקער ווילסט אַ שטיקעלע?
פון דער האַנט עס צוקער לעקט
און נאָך טרויעריקער געבלעקט
בלע... בלע...

ס'האָט מיין ציקעלע דערפילט,
דאָס די זון אין דרויסן שפילט,
ס'האָט די זומער־לופט דערשמעקט
און דערום עס טרויעריק בלעקט
בלע... בלע...

אוי, גוט, אוי גוט! איך עפן דיר!
ציקעלע, אַרויס פון טיר,
ס'האָט דיין תפיסה זיך געענדט!
ווי מיין ציקל פריילעך בלעקט
בלע... בלע...

פּרץ קאָן נישט גלײַכגילטיק זיך צוקוקן, ווי דאָס ציגעלע שטייט פאַרמאַכט אין „שטעלעכל״ און ציטערט פאַר קעלט. ס׳איז טרויע־ריק, ס׳האָט דאָך שוין דערפילט „די זון אין דרויסן און די שמע־קנדיקע זומער־לופט״.

דער באַרמהאַרציקער דיכטער עפנט אויף דאָס טירל פון דער שטאַל און לאָזט אַרויס דאָס ציגעלע אויף דער פרײַ. דאָס ציגעלע איז זייער פריילעך.

דער פּאָעט קאָן נישט פאַרטראָגן, אַז אַן אומשולדיק באַשע־פעניש זאָל זײַן פאַרשפּאַרט אין אַ תּפיסה, בלויז דערפאַר ווײַל ס׳איז שוואַך און אומבאַהאָלפן. מען מוז אַ סוף מאַכן צו די תּפי־סות. אַלע באַשעפענישן דאַרפן זײַן פרײַ...

די אַלעגאָריע איז אַ קלאָרע.

אַזאַ ענלעכן סוזשעט און דעם זעלבן מאָטיוו געפינען מיר אויך בײַ איציק מאַנגער אין „דאָס ליד פונעם ציגעלע״ (זע אויבן).

אהרן צייטלין — „חד גדיא״ (אין בוך „געזאַמלטע לידער״, ציטאַטן):

זאָגט דער רבי: איינס ווייס איך.
חד גדיא, חד גדיא — דאָס ציגעלע דאָס ווײַסע!
און ער דערציילט לכּבוד פּסח
די חסידים אַ מעשׂה.

האָט אַ פּאַסטעך אַ ציגעלע,
שוין איינמאָל אַ ציגעלע!
ווײַס ווי אַ פליגעלע
פון אַ כּרוב׳ל.
פּאָרט פאַרבײַ אַ פּריץ,
אַ שטיק מנוול.

— — — — — — —

נעמט אַרויס אַ פּאָר קאַרבאָנצעס
און ברומט : אַהער דעם הונט !
צו גיין מיט מיר אויף פּאָלעוואַניע.
מאַכט דער פּאַסטעך : „יאַשניע פּאַניע,
פון ווען אָן איז אַ ציגעלע אַ כּלב ?
שיין איז מײַן ציגעלע־קרוין !
זאָלסט באַדאַי געבן אלף
אלפי אלפים גילדוין,
קריגסטו עס נישט בשום אופן
ס'איז נישט צו פאַרקויפן.
זאָגט דער פּריץ : ווייסטו וואָס ?
זאָל עס, פּאַסטעך, זײַן אַ גאַנדז.
לאַכט דער פּאַסטעך : טאַנץ,
פּריץ־לעב, פון הײַנט ביז מאָרגן —
איז אַ ציגעלע נישט קיין גאַנדז.

— — — — — — —

וויפל ווילסטו פאַרן פּיפּערנאָטער, כאַם ?
זאָגט דער פּאַסטעך : נאָר אָן טאַראַראַם !
יאַשניע פּאַניע, ס'איז נישט קיין נאָטער.
גוואַלדעוועט דער פּריץ : וויפיל ווילסטו פאַרן קאָטער ?
— דער פּאַסטעך : פּאַניע, ווײַס בלײַבט ווײַס,
ס'ווײַסע ציגעלע האָט נישט קיין פּרײַז.
איז עס פּאָרט נישט קיין נאַרישע גאַנדז,
נישט קיין בייזער הונט, קיין גיפטיקער נאָטער
און נישט קיין געפגר'טער קאָטער.
דײַן יעדער זאָג
איז קרום ווי אַ האָקן,
און טאָג איז נישט נאַכט, און נאַכט איז נישט טאָג,

און מע דאַרף דיך הענגען אויף אַ פלאָקן.

— — — — — — — — — —

שפּרינגט ער אַרײַן אין זײַן קאָטש, דער עמלק,
און דער פּאַסטעך נעמט ס'ציגעלע,
האַלט עס אין שויס
ווי אַ קינד אין אַ וויגעלע.
און ער קושט דאָס ציגעלע ווי אַ מזוזה
און זינגט באהבה רבה:
חד גדיא דזבין אבא
בתרי זוזי, בתרי זוזי!

ווערט דער פּריץ שלאָף מסוכּן
מחמת רשעות און קאַפּויער
און וואָס ווײַטער ווערט ער שוואַכער.
ס'העלפן נישט קיין טאָטער און קיין זנאַכער.

פּלוצלינג הייסט ער שיקן נאָכן הירט און הערט
ס'איז חוץ דעם פּאַסטעך קיינער נישט פאַראַן,
וואָס קאָן ראַטעווען דעם יאַשניע פּאַן.
קומט דער פּאַסטעך, זאָגט דער פּריץ:
הירט פון ציגעלע דעם ווײַסן,
כ'וויל דו זאָלסט מיך שמײַסן
און מיר געבן אַ פּאַרטײַטש
מיט דײַן בײַטש,
אַז וואָס ווײַס איז טאַקע ווײַס,
און אַז דאָס ציגעלע האָט נישט קיין פּרײַז;
און אַז נאַכט איז נישט טאָג און אום איז נישט גראָד,
און אַז אַלץ וואָס איך זאָג איז קרום ווי אַ האָקן,
און אַז ברעכן דאַרף מען מיך אויף אַ ראָד,

זאָלסט מיך האַקן, זאָלסט מיך בראָקן,
ווײַל ד אָ ס איז מײַן מחלה, הירט פון דעם הערט,
וואָס בײַ מיר איז אַלץ פאַרקערט.
איז אַז דו ווערסט מיט שמיץ מיך נויטן
צו זאָגן פאַרקערט פון דעם פאַרקערט,
ס׳וועט אין זכות פונעם ביסל אמת
אָפּטאָן זיך פון מיר די מחלה
און ווי מײַן טבע, איבעראַנײַס
אויף טאָג זאָגן נאַכט
און אויף שוואַרץ זאָגן ווײַס.
— — — — — — —
פון די געבראָטענע שמיץ די געברענטע
איז דער פאַררײסענער גויעץ
פאַרגאַנגען אין יאָמער ווי אַ יענטע
(צי ווי, להבדיל, אַ סטאַדע קעץ)
און קוויטשיק־דין
אויסגעיאָמערט זײַן הודעת בעל דין —
און געבליבן לעבן.

אַ פּאַרציע אמת־קלעפּ נעמען אײַן
דעם פריצ׳ס שקר׳דיקע גלידער —
און אַזוי טוט דער פּריץ לעבן און לײַבן.
נאָר וואָס דען? נאָכן לעצטן יום־הדין
וועט שוין קיין דערך פון אים נישט בלײַבן,
נישט פון אים און נישט פון זײַן מין.
און יענער פּריץ איז סמאל,
דער בייזער ביטערער עמלק,
דער פּאַסטוך איז דער צדיק, דער הירט פון ישׂראל,
און ס׳ציגעלע (כמובן מאליו) ישׂראליק,

אַ גדיא׳לע אַ קליינס,
איינס שבאיינס,
חד גדיא, חד גדיא,
גאָטס נחלה און אחוזה,
געקויפט בתרי זוזי,
בזוזי תרי —
מיט לוחות צוויי!

משה קולבאַק — „אַ ליד וועגן ציגעלע״:

איך טרייַב אַרויס אין פעלד דאָס ווייַסע ציגעלע,
עס זאָל זיך פּיטערן אַליין...
דאָס ווייַסע ציגעלע וואָס כ׳האָב איר אָפּגעקויפט
פאַר צוויי גילדיין.
פאַר צוויי גילדיין.

נאָר מיט די לאָנקעס גייט אַוועק דאָס ציגעלע
און כ׳גיי איר נאָך;
אין אַלטע וועלדער, פּוסטע וועלדער בלאָנדזשען מיר,
די גאַנצע וואָך,
די גאַנצע וואָך.

און פרייַטיק האַלבן טאָג בלייַבט שטיין דאָס ציגעלע
גאָר אומגעריכט,
און איך דערזע העט ווייַט איז אויסגעשפּרייט אַ לאַנד,
אין בלויען ליכט,
אין בלויען ליכט.

אַ לאַנד, אַ לאַנד —
ווּ אינדן לויערן אויף אַלע בערגלעך,
ווּ ס׳שלאָפט דער בופלאָקס לעם ווילזטיר —
אַ לאַנד, — אַ לאַנד,
אַ ציטערדיקע, אַ פאַרחלומטע,
וואָס קאָן פאַרלוירן גיין פון יעדן ריר.

דער טאָג פאַרגייט, דאָס ווייַסע ציגעלע ליגט לעבן מיר
און אויך דאָס ציגעלע וועט באַלד פאַרגיין,
דאָס ציגעלע, דאָס ציגעלע, וואָס איך האָב אָפּגעקויפט
פאַר צוויי גילדיין, פאַר צוויי גילדיין.

דער דיכטער לאָזט זייַן ציגעלע גיין פרייַ אין פעלד זיך פיטערן. אָבער ער האָט מורא עס צו לאָזן אליין. ער גייט עס נאָך. ביידע „בלאָנדזשען" זיי „אין די אַלטע, פוסטע וועלדער". אויף אַלע וועגן לויערן פאַרשידענע געפאַרן.

גייענדיק אין וועג, דערזעט דער פּאָעט אַן אויסגעשפרייט לאַנד, באַהעלט מיט אַ בלויען ליכט. דאָס לאַנד איז אַ „ציטערדיקע, אַ פאַרחלומטע". אויך דער מחבר ציטערט וועגן גורל פון דעם לאַנד, „וואָס קאָן פאַרלוירן גיין פון יעדן ריר", פון יעדן באַריר... און דאַמאָלס וועט אויך זייַן ציגעלע פאַרלוירן גיין, דאָס ציגעלע, וואָס איז אים אַזוי טייַער, ער האָט עס דאָך „אָפּגעקויפט פאַר צוויי גילדיין"...

דער פּאָעט זעט די געפאַרן וואָס באַדראָען פון אַלע זייַטן חרוב צו מאַכן זייַן לאַנד, זייַן וועלט און זייַן ציגעלע. דאָס איז דאָך די ייִדישע וועלט, דאָס ייִדישע פאָלק.

קולבאַקס ליד איז באַהויכט מיטן אמתן חן פון דער ייִדישער פאָלקס־שירה.

בילעצקי ווײַזט אָן אויף די בשותפותדיקע פעדים פֿאַרוועבטע אין פֿאָלקס־מאָטיוו פֿון דעם ציגעלע־ליד בײַ מאַנגער און בײַ קולבאַק. דער ערשטער באַפרײַט דאָס ציגעלע פֿון געפענגעניש (אויך בײַ פּרץ איז פֿאַראַן דער זעלבער מאָטיוו — באַמ. פון א.ב.) און דער צווייטער גייט מיטן ציגעלע אין לאַנד פון די חלומות, אין לאַנד פון דער ייִדישער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע, („איציק מאַנגער", ז. 312).

דער ציג־מאָטיוו אין הומאָר

די ציג איז אַזוי אײַנגעלעבט מיטן ייִד אין שטעטל, אַז זי ווערט אויך אַן אָביעקט פון הומאָר און שפּאַס אין פאָלקלאָר און אין ליד, ווי למשל: ציגעלע־מיגעלע, קאָטינקע / רויטע פּאָמעראַנצן / מיט דעם זיידן, מיט דער באָבען גייען אייניקלעך טאַנצן.

אָדער אַ צווייטע ווערסיע: ציגעלע־מיגעלע, קאָטינקע / רויטע פּאָמעראַנצן / אַז דער טאַטע שלאָגט די מאַמע / גייען די קינדער־לעך טאַנצן.

און נאָך אַ וואַריאַנט: ציגעלע־מיגעלע, קאָטינקע / אסתר ברוך תהיה, / אַז דער מאַן שלאָגט דאָס ווײַב, / רײַסן בײדע קריעה.

אויך אין אַזאַ פאָרעם: ציגעלע־מיגעלע, קאָטינקע / ברענט דאָס פײַערל צונטער / כלה, הייב די פּערינקע / חתן, קריך אַרונ־טער...

און נאָך פון פאָלקלאָר: „ואנחנו לא נדע מה נעשה" („ייִדי־שער פאָלקלאָר", אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. כהן, ייִוו"אָ).

ואנחנו לא נדע מה נעשה,
כ׳וועל אײַך דערציילן אַ מעשׂה
מיט אַ קאָזע אַ ווײַסע;
די קאָזע האָט אָנגעהויבן צו גיין אין חדר,
האָט זי געלערנט דעם אלף בית כּסדר.
האָבן פרומע ייִדן אָנגעהויבן אויף איר צו קוקן,
איז איר אַראָפּגעקראָכן דער רוקן.

האָט מען געהאַט מוחות צו פאַרקויפן,
צום גוטן ייִדן צו לויפן.
האָט דער גוטער ייִד גענומען וויינען און קלאָגן,
נאָך דער קאָזע אַ הספד זאָגן:
אוי וואָס פאַראַ קאָזע דאָס איז געוועזן,
מיט די פאָדערשטע פיסלעך פלעגט זי אין שול אַרײַן לויפן,
מיט די הינטערשטע פיסלעך פלעגט זי קדוש שפּרינגען,
מיט די ליפּעלעך ברכה זאָגן,
מיט די ציינדעלעך פלעגט זי קאַרטאָפל שאָבן,
מיט די הערנדלעך פלעגט זי שופר בלאָזן.
אוי, וואָס פאַראַ קאָזע דאָס איז געוועזן!

ווײַטער אַ צווייט ליד פון דעם זעלבן מקור:

מה נשתנה הלילה הזה,
קומט די קאָזע, מאַכט זי מע,
קומט דער הינטל, מאַכט ער האַו,
קומט די קעצל, מאַכט זי מיאַו,
קומט די הון און לייגט אַן איי
קומט דער האָן און טוט אַ קריי,
קומט דער זיידע, פאַררויכערט אַ ליולקע,
קומט די באָבע טאַנצט אַ פּולקע.

לסוף נאָך אַ ליד אויף דער טעמע „ציגעלע — מיגעלע", טאַקע אונטער דעם דאָזיקן טיטל, פון **מאיר חרץ** אין זײַן בוך: „געקליבענע לידער און געציילטע פּאָעמעס":

ציגעלע — מיגעלע קאָטעניי,
רויטע פּאָמעראַנצן,
קאָך מיר זעקס קאַרטאָפל אָפּ,
גיי איך באַלד דיר טאַנצן.

קאָך מיר אָפּ קאַרטאָפליעס צען,
טאַנץ איך אויף די טישן,
אָפּגעטאַנצט דעם ערשטן טאַנץ,
טאַנץ איך דיר אַ פרישן.

ייִדל — פידל, בערל — באַס,
שפילט מיר דרײַ מעת־לעת׳ן,
זאַלצט מיר די קאַרטאָפליעס צו,
רוף איך אײַך צום עסן.

ווער סע שמעלצט זיי צו מיט שמאַלץ,
מעג זײַן בלויז אַ ביסל,
ווער ער מעגן פונעם טיש
נעמען גאַנצע שיסל.
גאַנצע שיסל וועט ניט זײַן,
צען קאַרטאָף אין גאַנצן,
ציגעלע — מיגעלע קאָטעניי,
רויטע פּאָמעראַנצן.

און אַ צווייט ליד פון דעם זעלבן מחבר (פון זײַן בוך „הימל און ערד״) „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע״:

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע,
יאַנקעלען רופט מען יאַשע,
עסן גיט מען אים קאַשע
און דאָס ציגעלע אונטערן וויגעלע
האָדעוועט מען מיט פּאַשע.

ווייפל יאַשענקע איז געשלאָפן,
האָט דעם ציגעלע גאָרניט געטראָפן,
נאָר אַז יאַשע איז אויפגעשטאַנען,
אָנגעהויבן אַרויסצושפּאַנען,
וואָס זאָל מען טאָן מיטן ציגעלע
אונטערן לייַדיקן וויגעלע ?

וואָלט מען יאַשען געקויפט אַ שוועסטערל,
זאָל זיַין חנהלע צי אסתרל,
וואָלט ער איר אַוועקגעגעבן
ס'ציגעלע אויפן גאַנצן לעבן,
וואָלט עס איר דערנאָך פאַרבליבן
פאַר די טעקעלעך די זיבן,
וואָס מען טוט אין זיי פאַרגעסן,
ווייַל זיי מאָנען ניט קיין עסן.

שפּאַסיק און שטיפעריש איז דאָס ליד „ציגן האָבן ליב פּאָעזיע"
פון **פריד וויַנינגער** אין זיַין בוך: „ערב עי"ן":

עס וויל זיך גלויבן...
לחלוטין בין איך ניט קיין ציניקער,
ווייַל אַלץ וואָס אויף דער לונג,
באַקומט ביַי מיר צומאָרגנס צונג.
מיך אָבער צערט צומאָל
אַ צווייפל זייער,
און ווייַל איך בין
פאַראורטיילט זיַין אַ דיכטער,
איז ווערט עס שווער.

נאָר הערט, וואָס מיר איז דאָ
נישט לאַנג געשען...
געווען בין איך אין דאָרף,
גאָר ניט קיין שיקסישער געזאַנג
האָט מיך פאַרפירט אין קאָרן,
צו שטילן דאָרט מיט צערטלעכקייט
מײַן צער און צאָרן.
באַלד האָבן מיך אַרומגערינגלט
בײַם צוים פון ציגל־שטאַל
צוויי־דרײַ צעחושטע ציגן —
מיט צובערס מילך
אין די צעשוואומענע ציצן.
גענומען האָבן זיי מיך ציִען
מיט זייערע ציגענישן ציין,
און דורך די צוגעפּרעסטע
און צייגענע הויזן
געלאָזט מיר צייכנס
ניט אויף צו זיצן,
נאָר פליִען.
דאָס קענען ציגן,
איך זאָג אײַך ניט קיין ליגן.
האָב איך אַרויסגענומען
אַ ביכל לידער,
און פון די סטראָפן
געלייענט, געלייענט,
כ׳האָב קוים געקאָנט
דאָס ביכל האַלטן אָפן.
די ציגן האָבן עס אויף אויסנווייניק
געוואָלט צעקײַען...

אײן ציג האָט עס געוואָלט
ביז מאָרגן לײַען.

וואָלט איך געוואָלט זען גראָסבאָרד —
דעם גאון פון ייִדיש־וואָרט,
ווי ער וואָלט עס געטאָן.
צי קען מען צויבערן, פאַרצויבערן
צעהיצטע ציגן אויפן אָרט?

צום סוף...
כּדי זיך צו באַפרײַען,
האָב איך זיך אויסגעלערנט
גאָר מעלקן מיט אַ ניגון,
ניט לײענען לידער

פאַר נײַגעריקע ציגן...
און אויך צו צאַמען,
פאַרטרײַבן ציניקערס:
די פליגן.

ווײַטער נאָך אַ פּאָר בײַשפּילן וועגן דעם ציג־מאָטיוו אין הומאָר:

די ציג איז די „העלדין" פון דעם גוט באַקאַנטן אַנעקדאָט וועגן דעם רבינס עצה פאַר דעם ייִדן, וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז אים ענג אין דער דירה.

אויך אין די כעלעמער מעשׂיות פעלט נישט די ציג. אדרבה, זי איז די טעמע פון פאַרשידענע „כעלעמער חכמות", אַזוי למשל, ווען דער ייִד האָט נישט געוווּסט, פון וועלכער זײַט אָנצוהייבן די שבת־

חלה, איז ער אַרויס אין גאַס מיט דער חלה אין דער האַנט, כּדי זיך צו פרעגן ביַי מענטשן וועגן דעם. איז גראָד אָנגעלאָפן אַ ציגעלע און אַ ביס געגעבן די חלה פון אויבן. האָט דער ייִד פאַרשטאַנען, אַז אַ חלה הייבט מען אָן פון אויבן...

אָדער וועגן אַ כעלעמער מלמד, וואָס איז געגאַנגען אויפן יריד איַינצוהאַנדלען אַ ציג, לויט די געהעריקע סימנים, וואָס זענען אייגנטלעך אַזאַ באַשעפעניש, האָט ער אָבער געמאַכט איין טעות, פאַרזען בלויז איין סימן, און געקויפט אַ צאַפּ (אַ באָק).

פאַראַן אויך אַ צווייטער וואַריאַנט: דער מלמד האָט טאַקע פאַקטיש געקויפט אַ ציג, נאָר אין וועג האָט דער קרעטשמער, דער רשעותדיקער חוזק־מאַכער, זי פאַרביטן אויף אַ באָק.

נאָך אַ פּאָר ציג־מעשׂיות פון כעלעם:

חיים זעלצער — (אין בוך „שטערן אויפן יריד אָדער די פּעס־טונג פון חכמה״):

1. „די ווילדע ציג

אַ ציג איז אַ מזיק — דאָס לייקנט נישט קיינער. קודם־כּל ליַידן פון ציגן־פּלאָג שכנים: געפּרעגלטע צרות, יסורים געפּילטע פאַר־שאַפן אין כעלעם די ציגן די ווילדע, און ביטערע הערצער, געפּע־פּערטע טרערן — קיין שׂונא מיט ציגן געפּרוווט זאָל נישט ווערן. און טאָמער מיינט עמעץ — אַ ציג טראַכט גאָרנישט... איז ער אַ נאָר וואָס צו זיך האָט קיין פּאָר נישט.

באַוווסט איז אין כעלעם, באַקאַנט איז די עובדא: קיין עוולה פאַרטראָגן נישט ציגן, קיין קריוודע, זיי ווייסן ווי איַין און ווי אויס, און אַ סימן — אַ ציג טראָגט אין האַרצן סיַי ליבע סיַי שׂנאה.

דאָס איז די הקדמה — און איצט הערט די מעשׂה: געווען איז אין כעלעם אַ ציג נישט קיין וויַיסע, אויך נישט קיין שוואַרצע. אַ ציג

— סאַמע פּלעקן, און קינדער און זקנים פּלעגט זי שרעקן. געטראָגן אַ שטערן די ציג אויפן שטערן — קיין מורא געהאַט נישט פאַר וועלף, נישט פאַר בערן, ווער שמועסט אַ בן־אָדם, דערצו נאָך אַ בעלעמער, מיט גרויס פאַרגעניגן אים געשטאָכן מיט הערנער. אויף ווייַבער פון הינטן די ציג פלעגט באַפאַלן... און איין מאָל אין שול־הויף געשטויסן אַ כּלה. איז אונטער דער חופּה געפאַלן חלשות געגענדל די געלע אברהם־חיה־דוואָשעס.

האָט עמעץ אין בעלעם געגומען דערוויַזן — די ציג ווערט מטורף פון חופּה־קלייד וויַסן. נישט אַנדערש — די ציג איז אַ גילגול מסתמא, עס מאַטערט זי עמעצנס קראַנקע נשמה... אין בעלעם דערציילט מען ביז היינט די געשיכטע — דעם בחור באַהאַלטן מען האָט אַן תכריכים הינטערן פּלויט פון בית־עלמין דעם אַלטן — מיט זעק מיט צעריסענע האָט מען באַדעקט אים — אַריַין זיַן נשמה אין ציג דער געפּלעקטער... אַוודאי האָט קהל אַן אסיפה געמאַכט, דעם ענין „געפּלעקטע ציגן" באַטראַכט: וואָס טוט מען? דעם בחורס נשמה אַ תיקון... פאַרהיטן די שטאָט פון ציגן־מזיקים...

די ציג זאָל נישט וויסן און שטערן נישט פּרווון, האָט קהל בסוד די אסיפה גערופן, און אַלץ וואָס גפסקנט — אַזוי איז גע־בליבן — אין בעלעמער פנקס דער פּסק איז פאַרשריבן: „אין וויַיסע תכריכים די ציג איַינצוהילן, ליכט שטעלן צוקאָפּנס און זאָגן גאַנץ תהילים". ס'האָט בעלעמער בית־דין פאַרפאַסט אַ תקונה: „אין ציגן געפּלעקטע עס שטעקט די סכּנה..."

און געוואָרן פון דעמאָלט אַ חוק מדאוריתא: אַ בעלעמער ציג איז געמאָלט נאָר אַ וויַיסע.

2. „דער שטריקלדרייער"

— זאָל בעלעם זיך וויניקער קלאַפּן על חטא, דעם חזן אַ ציג זאָל מען קויפן, וויַיל כּל־זמן ער זשיפּעט נאָך, איז נישט צו שפּעט — געטענהט האָט משהלע רופא.

צוויי כעלעמער שליחים וואָס קהל האָט געשיקט אויפֿן לאָדזשער יריד איז געלונגען פֿאַר שיקעלע זינגער צו באַקומען אַ ציג, וואָס אויסהיילן וועט זײַנע לונגען... די שליחים זיך לאָזן אין וועג אויף צוריק — די ציג וויל פֿון כעלעם נישט הערן; צעקײַעט און אײַנגעשלונגען דעם שטריק און האַלט אין איין מעלה־גירהן. איז איינער פֿאַרבליבן דאָרט היטן דעם שד, דער צווייטער — קיין כעלעם זיך עצהן: וואָס טוט מען? ס׳העלפֿט נישט קיין נוקען, קיין גלעט, כאַטש נעם זי און טראָג אויף דער פּלייצע.

פֿאַרשטייט זיך, מען האָט אַן אסיפֿה געמאַכט: ווי אַזוי מיט דער בהמה זיך פֿירן; די ציג האָט עפּעס אַ שפּיצל פֿאַרטראַכט — דאַרף מען זי ברענגען צו פֿירן!... האָט כעלעמער קהל געטראַכט און געקלערט: וואָס גלײַכער — אַ בײַטש צי אַ דריקל? נאָר היות אַ ציג איז פֿאָרט נישט קיין פֿערד, איז נייטיק סך־הכּל אַ שטריקל. עס רעדט זיך — אַ שטריקל, ממש אַ שטריק, די לענג אַזש ביז לאָדזש זאָל דערגרייכן, און כעלעם בציבור וועט שלעפּן די ציג, און נאָכלאָזן — שלעפּן מיט שׂכל.

איז קהל געלאָפֿן אַהינטער דער באָד צום כעלעמער שטאָט־שטריקלדרייער. צוויי זעקלעך מיט קלאָטשע, די גרויסע ראָד האָט צוגעגרייט באַלד אַברהם־מאיר. צעריבן דעם שפּײַ ער האָט אין די הענט, געזאָגט אין דער וועלט אַרײַן: „אייסער!״... צו מערב־זײַט זיך מיטן הינטן געווענדט, און דרייען די ראָד געהייסן, איין עק שטעקט אין כעלעם, דעם אַנדערן עק ער ציט צום יאַריד דעם לאָדזשער. מיטן הינטן אויף פֿאָרנט ער גייט מיטן וועג און האָט זיך אוודאי פֿאַרבלאָנדזשעט — — —

עס קומען ידיעות קיין כעלעם פֿון ווײַט: קיין ווילנע דערגרייכט האָט דאָס שטריקל... ער גריסט פֿון פּאַריזש. פֿון ברוקלין — אָלרײַט! — דאָס שטריקל ער דרייט און צעוויקלט... פֿאַרגעסן האָט כעלעם שוין לאַנג פֿון דער ציג — אויף יענער וועלט שיקעלע זינגער, נאָר

בעלעמער פּאָלגן נאָך אַלץ נאָכן שטריק און ווײַזן דאָס אָרט מיטן פינגער.

3. „דער אוצר"

שיע־שלום זעט אין חלום: יאַנטל וואַסערפירערס פערד שטייט און גראָבט אין מיטן שולהויף מיט אַ קאָפּיטע די ערד... איז דער בעלעמער בעל־חלומות צו דעם שולהויף גלײַך אַוועק, אויפן וועג די בעלי־בתים האָט דער חכם אויפגעוועקט. איז אַ לויפעניש געוואָרן — ס'פליִען אויפן ווינט די בערד, און אַ סברא, אויף אַן אוצר אָנגעוויזן האָט דאָס פערד — — נאָר דערזען האָט מען אין שולהויף נישט קיין פערד — אַ ווײַסע ציג. — מילא, זאָגט מען, אויך אַ בהמה, ווייסט זי ווו דער אוצר ליגט.

שיע־שלום כאַפּט אַ פלאָקן און באַצייכנט גלײַך דאָס אָרט, און די ציג האָט ווי אַן עדות צוגעשאָקלט מיט דער באָרד. פרעגן בעלע־מער חכמים: — ווי דערקלײַבט מען זיך צום גליק?... נאָכן רב און נאָכן גבאי האָט מען שליחים צוויי געשיקט. — גראָבן! — האָט דער רב באַפוילן און דער גלאַוונער גבאי אויך. האָבן בעלעמער גע־גראָבן, אַזש געגאַנגען איז אַ רויך. ביז קאַיאָר האָט מען געגראָבן אין דער ערד ווי פּוטער ווייך, אָפּגעדאַוונט האָט מען שחרית — ביזן ליים האָט מען דערגרייכט.

און געגראָבן האָט מען ווײַטער, בשעת־מעשׂה זיך געקהלט ווי אַזוי מע וועט צעטיילן סײַ דאָס זילבער, סײַ דאָס גאָלד. ביז חצות האָט מען געגראָבן — פון דער ערד אַרויסגעשלעפּט אַ צעבראָכן ערדן טעפּל און דערנאָך נאָך זיבן טעפּ. נאָר די טעפּ האָבן געשוויגן — וועגן אוצר נישט קיין וואָרט, איז עס דאָך אַ סימן־מובהק — דאָ איז דאָס געבענטשטע אָרט! דרײַ מעת־לעת האָט מען געגראָבן און אַנטדעקט אַ גרויסע קרוג פול מיט גאָרנישט און באַשלאָסן האָבן בעלעמער: גענוג!

האָט געטענהט שיע־שלום, דווקא דאָס איז אַ באַווײַז... און

אַראָפּ זענען חכמים אינעם טיפן גרוב באַנײַס. ווײַל דער אוצר האָט געמוטשעט און פּאַרוואָגלט איז דער שלאָף, האָבן כעלעמער דאַליבעט און געהאָפּט דערגיין צום סוף. און דערווײַל געמאַכט אסיפות, זיך געאַמפּערט און געקהלט, ווי אַזוי מע וועט פּאַרטיילן סײַ דאָס זילבער סײַ דאָס גאָלד. און געגראָבן האָט מען ווײַטער, אין דרײַ שיכטן, דרײַ מעת־לעת... אויפן צענטן טאָג אין כעלעם איז געשען דער גרויסער נס: ס'האָט אַ זעץ געטאָן דאָס וואַסער — מיטן לעבן קוים אַרויס זענען כעלעמער חכמים — ס'האָט געבוואַליעט און געברויזט. ס'האָט דאָס וואַסער זיך צעגאָסן און פאַרפלייצט אַ האַלבע שטאָט, און די צווייטע העלפט פאַרפלייצן האָט דער וואַסערשטראָם געדראָט...

זענען כעלעמער געשטאַנען מיט די ציגן אויפן באַרג און געזוכט, און נישט געפונען נישט די גאַסן, נישט קיין מאַרק. „אַ כפּרה אַלע אוצרות", האָבן כעלעמער געטראַכט, „פאַר אַ ווינקעלע אין כעלעם, פאַר אַ שטיקל שינדל־דאַך". אַלץ אַוועק איז מיטן וואַסער — ס'איז דער רוח געוואָרן רײַך. פונעם אוצר אינעם שולהויף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך.

4. „דער ווײַסער בער און די שוואַרצע ציגן"

... — וואָס כעלעמער ווייסן, ווייסט עקרון אוודאי, וואָס כעלעמער קאָנען — קאָן עקרון נאָך בעסער.

עס איז נישט קיין גוזמא: געפאַלן איז עקרון אויף אַ געדאַנק — נישט צו באַקלערן! — צונויפפאָרן זאָל מען די שוואַרצע ציגן מיט פּאַניעס גרויזאַמע ווײַסע בערן... איז אָבער דער מהלך פון דאַנען ביז דאָרטן פּונקט אַזוי ווײַט, ווי פון דאָרטן ביז דאַנען, און קפיצת־הדרך איז דאָך נישט שייך — מיט לופט־שיפן פליט מען, מיט בליציקע באַנען. נאָר פּאַניע האָט צײַט — זײַן ווײַסער בער, ער אײַלט זיך נישט כלומרשט צו קומען אַהער. און ווער וועט עס שלעפּן דעם בער פאַר די אויערן? און ציגן אין אייזלאַנד ווערן פאַר־

פרויערן... פרעגט מען: — ווי קומט פּאַרט די קאַץ איבערן וואַסער? — די ציגן די שוואַרצע צו בערן די ווייַסע? סיידן צערייצן דעם בער — וועט ער קומען... מע פילט שוין זייַן ריח, מען הערט שוין זייַן ברומען.

נאָר גאָרנישט — צוטראַכטן וועלן חכמים — דעם לעקיש־בער וועט מען באַזיגן: צונויפפּאָרן וועט מען די ווייַסע בערן מיט עקרו־נער שוואַרצע ציגן! איז אָבער די צרה — דער בער מיינט פאַר־קערט, אַז אָפּרוימען ציגן מען דאַרף פון דער ערד; ער ברומט, ער שטשירעט די שאַרפע ציינער — דער בער, אַ רוח אין זייַן טאַטנס ביינער — — —

נאָר שוואַרצע ציגן וועלן לעבן, זיך מערן און גראָד איבער־לעבן די ווייַסע בערן.

די ציג און דער שנײַדער

ס'איז מערקווירדיק! אויך דער שנײַדער צוזאַמען מיט דער ציג ווערט אַ שפּאַסיקע טעמע, למשל, אין דער דערציילונג „דער פּאַר־בישופטער שנײַדער" פון שלום עליכם, ווו די זיך גוט מעלקנדיקע ציג, וואָס דער אָרעמער שנײַדער, שמעון אלי „שמע קולנו", האָט זיך מיט גרויס מי און אָנשטרענג אײַנגעהאַנדלט, ווערט אים אויפן וועג צו זײַן היים דורך דעם בייזוויליקן און להכעיסדיקן קרעטשמער פאַרביטן פאַר אַ באָק.

דעם שנײַדערס ציג טרעפן מיר אויך בײַ איציק מאַנגער, אָבער אין אַן ערנסטן טאָן (זע ווײַטער צווישן די וויגלידער!).

אינטערעסאַנט, אַז וועגן צוזאַמענהאַנג פון אַ שנײַדער מיט אַ ציג זענען פאַראַן אויך דײַטשע פאָלקס־לידער, פון וועלכע מיר ציטירן די פאָלגנדיקע סטראָפעס:

Das Schneiderlein sah am Wege stehn
Eine alte verzottelte Geiss.
Da sprach dieselbige: Zick, Zick, Zick,
Bock, Bock, Bock, Meck, Meck, Meck,
Da ward dem Schneiderlein heiss.

(פון „דעם יינגלס ווונדערהאָרן")

און פון אַ צווייט ליד:

Die Ziege lief den Berg hinauf
Und wackelt mit dem Bärtchen;
Da sprang ein kleiner Schneider drauf,
Der meint, es wär' ein Pferdchen.

די איבערזעצונג אין ייִדיש:

דאָס שנײַדערל האָט געזען אויפֿן וועג שטיין
אַן אַלטע קודלעוואַטע ציג.
די זעלבע האָט געזאָגט: ציג, ציג, ציג,
באָק, באָק, מעק, מעק, מעק,
טאָ איז דעם שנײַדערל געוואָרן הייס.

און פֿון דעם צווייטן ליד:

די ציג איז געלאָפֿן צום באַרג אַרויף
און געשאָקלט מיט דעם בערדל;
טאָ איז אַ קלײנער שנײַדער געשפּרונגען דערויף
ער מיינט, אַז ס׳איז געווען אַ פֿערדל.

דאָס ציגעלע אין וויגלידער

דאָס ציגעלע, וואָס גראַמט זיך אַזוי וווּל מיט וויגעלע, איז טאַקע געוואָרן אַ גאָר אָפּטער מאָטיוו אין די יידישע וויגלידער, סיי פאָלקלאָריסטישע און סיי ליטעראַרישע.

מיר ברענגען דאָ, ווי אַ ביישפּיל, אַ ציקל פון אַזעלכע לידער — מיט גרעסערע אָדער קלענערע ציטאַטן:

א) פאָלקלאָריסטישע — עטלעכע וואַריאַנטן, לויט „יידישער פאָלקלאָר", אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. כהן, ייווא־אַ־אויס־גאַבע:

אונטער משהלעס וויגעלע

אונטער משהלעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע,
ס'ציגעלע געפאָרן האַנדלען,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

דאָס איז די בעסטע סחורה,
משהלע וועט לערנען תורה,
תורה, תורה אין קעפּעלע,
קאַשע מיט מילך אין טעפּעלע.

ברויט מיט פּוטער שמירן,
משהלען וועט מען צו דער חופּה פירן,

פון דער חופּה אויבן־אָן,
אין גאָלד און זילבער אָנגעטאָן.

אונטערן קינדס וויגעלע

אונטערן קינדס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר ווײַס ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.

וואָס איז די בעסטע סחורה?
משהלע וועט לערנען תורה
און ספרים וועט ער שרייבן.

אַ גוטינקער און אַ פֿרומינקער
וועט משהלע פֿאַרבלײַבן
אַ גוטינקער און פֿרומינקער
וועט משהלע פֿאַרבלײַבן.

אונטער גאָלדעלעס וויגעלע

אונטער גאָלדעלעס וויגעלע
שטייט אַ ווײַסע ציגעלע.
די ציגעלע איז געפֿאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען איז זייער זיס,
גאָלדעלע וועט זײַן
געזונט און פֿריש.

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
איז די בעסטע סחורה.
גאָלדעלעס חתן וועט זיצן
און לערנען תורה.

תורה צוה מורשה,
גאָלדעלעס חתן
וועט דרשענען אַ דרשה.

אַ דרשה, אַ דרשה
איז וויל געאַכט,
גאָלדעלעס חתן וועט לערנען
אי טאָג אי נאַכט.

ב) ליטעראַרישע וויגלידער:

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — ציטאַטן פון צוויי לידער: „שלאָגט דער זייגער עלף" און „וויגלידער":

מאַמע און איר ניגעלע
משהלע און ציגעלע
קענען ניט פאַרשלעפערן
מיידעלע אין וויגעלע.

און

וויג־וויגעלע, קינדערישע געזאַנגען —
מיט מײַן זיידן, מיט מײַן באָבען זײַנען זיי פאַרגאַנגען.
זי מיט דער געפלעקטער ציג און מיט דער ראָבע הון,

ער מיטן חומש און יהושוע בן נון.
ציג־ציגעלע, די באָבע איז אַוועק צו פּאַנוס בעל גוף
ווייסטו וואָס עס מאַכט מלופּים קוף?
— — — — — — —

ציגעלע מיגעלע קאָטינקע, רויטע פּאָמעראַנצן,
מיט דעם זיידן, מיט דער באָבען גייען איינקלער טאַנצן.

משה בערנשטיין — „צו מיַין טאָכטער״:

...דו טראָגסט נאָך חלום
ווי די ריינקייט פון די הימלען.
דיר איז נאָך נישט באַקאַנט דער אומעט
פון דיַין טאַטנס ניגון.
וועט אַ ציגעלע אַ וויַיסע ביַי דיַין וויגל דרימלען
און די מאַמע וועט מיטן טאַטנס ניגונדל
דיך פאַרוויגן.

ש. בערנשטיין — „ביַים וויגעלע״:

...נעבן דיר ביַים וויגעלע,
זע איך עפּעס שטיין,
דאָס איז אַ גאָלדן ציגעלע,
די „האָפנונג״ אַליין.
מיט דעם ציגעלע וועסטו האַנדלען,
גוטס צי שלעכטס? ווער ווייסט,
ס׳וועט דיר ברענגען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
עס איז די זיסע „טרייסט״.

אברהם גאָלדפאַדען — „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״, ציטאַט פון „שולמית״, (זע ביבליאָגראַפיע):

אין בית־המקדש, אין אַ ווינקל־חדר,
זיצט די אלמנה בת־ציון אַליין,
איר בן־יחידל, ייִדעלען, וויגט זי כּסדר,
און זינגט אים אַ לידל, צום שלאָפן צו גיין.
היַי לו־לו!

אונטער ייִדעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־וויַיס ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
— דאָס וועט זיַין דיַין באַרוף —
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
שלאָף־זשע, ייִדעלע, שלאָף! —

מלכּה לי — „וויגליד״:

ווען דו וועסט אויפשטיין מיט קלאָרע אויגן,
אַ, ליכטיק וועט דעמאָלט שוין זיַין;
ביַים וויג וועט שטיין איבער דיר געבויגן
דאָס וויַיסינקע ציגעלע אַליין.
אוי, גוט וועט אונדז זיַין, מיַין לעבן,
שלאָף איַין, שלאָף איַין.

...אַזוי ווי די מאַמע וואַכט ביַי אַ וויגל
און היט איר ליכטיק געביין.
וועט קומען די זון מיט אַ גאָלדענעם שפּיגל
און אַ קריגעלע זונענשיַין —

אַזוי וועסטו לאַכן, יונג לעבן,
שלאָף איַין, שלאָף איַין.

פרץ מאַרקיש — „מיך האָט פאַרנאַרט", ליד אין „נעבטיקע טעג", שווען:

מיך האָט פאַרנאַרט
בייַנאַכט
דער מולד
מיט אַ שניי־ליד...

פירט מיך קלאָר־וויַיס ציגעלע
פון מיַין גאָלדן וויגעלע,
פירט מיך אַרויס האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

וויַיט בייַנאַכט, מסתּמא,
כאַפּט זיך אויף מיַין מאַמע,
אַ־אַ־אַ־אַ מאַמע
אונטער מאַמעס וויגעלע
שטייט קלאָר־וויַיס ציגעלע,
ציגעלע געגאַן איז האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...
וויגט די מאַמע ס'וויגעלע
וויגט אַ ליידיק וויגעלע...

איך מיט קלאָר־וויַיס ציגעלע
גייען אַרום האַנדלען,
גייען ערגעץ האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

דער מולד פון דער לבנה אין אַ ווינטער־נאַכט האָט דעם דיכטער „פאַרנאַרט״, אפשר פאַרצויבערט מיט אַ שניי־ליד. דער ווייַסער שניי רופט אַרויס אַן אַסאָציאַציע מיט דעם ווייַסן ציגעלע, וואָס פירט אים אַרויס פון זייַן „גאָלדן״ וויגעלע.

אַ נייַער ניואַנס! נישט קיין גאָלדן ציגעלע, ווי בייַ די אַנדערע פּאָעטן, נאָר גאָר אַ גאָלדן וויגעלע — די גאָלדענע צייַט פון דער קינדהייט!

און נאָך אַ ניואַנס אין דעם ליד: נישט אונטערן קינדס וויגעלע, נאָר „אונטער דער מ אַ מ ע ס וויגעלע שטייט קלאָר־ווייַס ציגעלע״!

און אַז דאָס קינד איז שוין אַרויס פון דער וויג — ס׳איז שוין גרעסער געוואָרן — איז עס געגאַנגען צוזאַמען (ווידער אַ ניואַנס!) מיטן ציגעלע „האַנדלען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״, ערגעץ איבער דער וועלט זוכן און געפינען זייַן צוגעזאָגט גליק און ווילשטאַנד.

און די מאַמע — זי וויגט נאָך ווייַטער דאָס וויגעלע, כאָטש ס׳איז שוין אַ ליידיקס. זי ציט ווייַטער דאָס ליד וועגן איר קינדס צוקונפט.

משה נאַדיר — „בענקשאַפט״:

וויג מיך איין, אַ, ליכטיק וויגל,
וויג מיך איין, און וויג מיך אויס,
זאָל ווער זינגען ציגל־מיגל
ניט אויף ענגליש, אויף פראַנצויזיש,
נאָר אויף יידיש זאָל דער ניגון
וויגן מיך ווי איך בין גרויס.

אברהם סוצקעווער — „וויגליד" (אין אַלט־ייִדישן לשון):

איך טו פאַר מײַן אוצר אַ לידעלע שפּינען,
דײַן פאָטער וועט ברענגען אַ ציקליין דערינען.
דאָס ציקליין וועט לעבן פון ייִנגלס טרערן
און ברענגען אַ בעקנברויט דיר צו געהערן. *

איציק מאַנגער — „שרה זינגט יצחקלען אַ שלאָפליד", ציטאַט (פון „חומש־לידער"):

...אַ סימן, אויפן חזנס דאַך
פּאַשעט זיך דעם שנײַדערס ציג
און יצחק, דער קליינער ליגט
און שלאָפט נאָך נישט אין וויג...

* וועגן די ביז אַהער ציטירטע וויגלידער אַחוץ פון גאָלדפאַדען, מאַנגער און מאַרקיש — זע באַמערקונג אויף ז' 54.

דאָס ציגעלע אין טרויער־לידער

אפרים אויערבאַך — „דאָס יידישע ציגעלע", (ציטאַט פון בוך „גילדענע שקיעה", בילצקי, ז. 314):

ס׳גרינט שוין דאָס גראָז, די זון איז צעהעלט,
כ׳וועל דיר באַקליידן און באַשוכן,
אייניקל מײַנס, אויפן אָפענעם פעלד
וועלן מירביידע דאָס ציגעלע זוכן.

כ׳האָב עס צו קאָפּנס בײַ דיר נישט געזען,
ס׳ליגט פאַרבלוטיקט ערגעץ מסתמא,
וויינט אויפן בראָך, וואָס איז ייִדן געשען,
אפשר אַליין פאַרברענט אין די פלאַמען?

איבערן גאָרן וויסטן ייִדישן בראָך,
איבער אַש פון ייִדישע סקרוכן,
צווישן שטיבער פאַרוואַקסן אין מאָך,
וועלן מיר ביידע דאָס ציגעלע זוכן.

דוד אײַנהאָרן — „די פוסטע וויג":

אַליע, ליוליע וויגעלע...
פוסטע, וויסטע וויגעלע...
ווײַ איז צו דער מאַמען!

געשאָכטן ליגט דאָס ציגעלע
אונטער מײַן קינדס וויגעלע
מיטן קינד צוזאַמען.
— — — — — — — —
אַליע, ליוליע, וויגעלע...
אונטער מײַן קינדס וויגעלע
שטייט אַ וואָלף מיט ציינער, —
קלאַפּט ער ווילד מיט זיי אַ גרויל,
רינט דאָס בלוט אים פֿונעם מויל
און עס העלפֿט ניט קיינער.

אַליע ליוליע, גרויער וואָלף,
האָסט פֿאַרצוקט מײַן עופֿה'לע,
צוק שוין אויך דער מאַמען,
לאָז מיך מיט מײַן ציגעלע
בלוטיקן צוזאַמען. *

דאָס ליד האָט איינהאָרן אָנגעשריבן אונטערן שווערן אײַנדרוק פֿון די פּעטליורא־ און דעניקין־פּאָגראָמען אויף ייִדן אין אוקראַינע, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין דער צײַט פֿון 1919 ביז פֿרילינג 1921. (אגב, אַזוי אויך האָט געקלאָגט מאַנגער, זע ווייטער).

הירש אָשעראָוויטש — „פֿאַר נאַכט" (אין בוך „געזאַנג און לאַבירינט"):

איך ווייס: דאָס ווײַסע וואָלקנדל,
וואָס איך איצט זע,

* דאָס ליד פֿון דוד איינהאָרן ווערט געבראַכט לויט דער זאַמלונג, אָנגעגעבן אין דער באַמערקונג אויף ז. 54.

עס איז דאָס פּעלעכל פון אַ ציגעלע,
וואָס אין זײַן ערשטן לעבנסטאָג
פאַרלוירן האָט זײַן מאַמע,
און — אַ פאַריתומט שוין —
געוואָרן אָפּגעשאָכטן...

און דאָרט ווײַט —
ווו ס'עקט זיך אָפּ דאָס פעלד,
בײַם סאַמע, סאַמע הימל אַזש —
כ'זע טאַקע בלוט.
איז עס דעם ציגעלעס
אָדער זײַן אומגליקלעכער מאַמעס ?

ס'איז פרילינגצײַט.
דער טאָג — אַ פולער ביזן ראַנד
מיט יונגן גרינס.
נאָר וואָס עס גיסט אַריבער זיך,
ווערט תיכּף רויט.

ווער איז דער קונצן־מאַכער דאָ ?
צי דען טאַקע די זון ?

ניין, עמעץ האָט אַ ציגעלע געשאָכטן ;
נאָך קנאַפּ, וואָס ער האָט
אויף דער ערד פאַרגאָסן בלוט,
האָט ער נאָך אויפן הימל אויפגעהאָנגען
טריקענען דאָס פעלעכל...

ס'איז פאַר נאַכט. די צײַט פון שקיעה. דעם דיכטער דאַכט זיך, אַז ער זעט אַ ווײַס וואָלקנדל, אָבער ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'איז

גאָר אַ פּעלעכל, דאָס פּעלעכל פון דעם ווײַסן ציגעלע, וואָס איז געשאָכטן געוואָרן נאָכן פאַרלירן זײַן מאַמען.

הירש אָשעראָוויטש — (אַ צווייט ליד פון דעם בוך „געזאַנג און לאַבירינט״):

✶

און ווען דער טאַטע זאָל ניט געווען קויפן
קיין ציגעלע אויפן מאַרק,
וואָלט דאָך ניט פאַרצוקט עס די ווילדע קאַץ,
וואָלט דאָך דער בייזער כּלב ניט געביסן,
ניט געממיתט וואָלט דער סוקעוואַטער שטעקן,
ניט געשׂרפעט וואָלט דאָס פײַער,
ניט געלאָשן וואָלט דאָס וואַסער,
ניט געזשליאָקעט וואָלט דער אָקס
און דער שוחט ניט געשאָכטן...
האָט אַן אַנדער טאַטע עס פאַרשטאַנען
און געוואָלט דאָס בייזס פאַרמײַדן.

ווי זשע אָבער זאָגט מען אָפּ זיך
פון אַ קויף, וואָס איז אַזוי שפּאָט־ביליק —
בלויז צוויי זוזים, בלויז צוויי זוזים!...
איז געפאַלן ער אויף אַ המצאה:

ער דאָס ציגעלע געקויפט האָט
און געפירט עס גלײַך צום שוחט.

אויסגעמיטן די חד־גדיא,
ניט פאַרמיטן דאָך דאָס בלוט...

דאָס איז אַ ליד „נוסח חד־גדיא", נאָר פון דער פאַרקערטער זײַט. ווען נישט... ווען דער טאַטע זאָל נישט געוועזן קויפן דאָס ציגעלע, וואָלט נישט געוועזן קיין חד־גדיא־קייט פון די קעגנזײַטיקע גוואַלד־אַקטן.

האָט אָבער דער טאַטע פאַקטיש דאָס ציגעלע יאָ געקויפט, און כּדי „אויסצומײַדן דאָס בייזס", דעם רעוואַנזש־פּראָצעס פון דער חד־גדיא, האָט ער דאָס ציגעלע געפירט גלײַך צום שוחט.

וואָסזשע האָט ער דערמיט דערגרייכט? — סײַ ווי סײַ, האָט ער „נישט פאַרמיטן דאָס בלוט"...

הירש אָשעראָוויטש — „ציגעלע־מיגעלע, ווו ביסטו?" (אין בוך „אין דער וועלט פון עקדות"):

ציגעלע־מיגעלע, ווו ביסטו?
וואָס ביסטו אַנטלאָפן?
ווען עס וועקט מיך ניט דײַן „מע",
איז מיר פרעמד מײַן שלאָפן...

כ'פיל ניט מער די וואַרעמקייט
פון דײַן פּוכעק פעלעכל,
כ'הער ניט מער, ווי ס'גרייזלט זיך
דײַן אַסקעטיש קעלכל.

ציגעלע־מיגעלע — צאַפּיקל,
העלער פון אַ מלאך,
ווער האָט זיך דערוועגט אויף דיר
אויפהייבן אַ חלף?

ליגסט ניט מער בײַ וויגעלער,
צופּסט ניט שטרוי פון דעכער.

אינעם וויגליד האַרציקן —
גוואַלדריסן און לעכער...

ציגעלע־מיגעלע — צאַפּיקל,
ס׳ליגט דײַן „מע״ געשאָכטן.
אָ, ווען ס׳קען דײַן האַרנדל
מיר אין האַרץ אַ שטאָך טאָן!...

הירש אָשעראָוויטש — „חד־גדיא״ (אין בוך „בײַם עץ הדעת״):

אַ ציגעלע — חד־גדיא,
אַ צאַרטס און ווײַס ווי קרײַד.
דאָס שטערנדל אָן הערנער,
דאָס בערדעלע ווי זײַד...

איר אויסגיין זאָלט מדינות
און זוכן טאָג און נאַכט,
וועט איר דאָך ניט געפינען
אַזאַ אָ העלע פּראַכט!

דער טאַטע האָט געקויפט עס
אין מאַרק פֿאַר גילדנס צוויי —
אַ ליכטיקע מציאה.
וואָס מעקעט אויפן היי...

אַוועק עס איז אַ שחיטה!
און פרעגט פאַר ווען? פאַר וואָס?
אַ נפש וואָס געוווּסט האָט
נאָר קרײַטעכצער און גראָז

געוואָרן איז דער אָנהייב,
נאָך וועלכן ס׳איז אַוועק
אַ קייט פון ווילדסטן אויסראַט,
אַ טשאַטע אומקומטעג:

דער קאָטער האָט געפרעסן,
דאָס פײַער האָט געברענט,
דאָס וואַסער האָט פאַרטרונקען,
דער שוחט האָט פאַרלענדט,

דער מלאך־המוות גופא
איז אויך אַרײַן אין קאָן
(ניט יענעם בלויז געהאָלפן,
אַליין האָט ער געטאָן...)

פון וואַנעט אַזאַ רוגזה?
אַזוי פיל האָס און גאַל?
אַ ציגעלע צעטרייבערט
פון קאָטער לעבן שטאַל.

צי ווייסטו, אַז דער מבול
פון רישעות און פון בייזס,
ווּ דו ביסט נאָר דער קרבן,
גאָר אויף דײַן נאָמען הייסט?...

דאָך ציגעלע — חד־גדיא,
הער אויס זשע דעם באַשייד:
פאַר יעטוועדן מחבל
אַ ווייסטער סוף איז גרייט.

מעג זײַן ער שטאַרק, דער קטלן,
ער ט׳אומקומען אַלץ איינס!
יאָ, קרבנדל חד־גדיא —
ליב נפשל, דו שיינס.

דאָ האָבן מיר אַ צווייט ליד פון אַשעראָוויטש „נוסח חד־גדיא״. און דער דיכטער מאַכט דעם אויספּיר, וואָס איז די קווינטעסענץ, ווי אין דעם טראַדיציאָנעלן פאָלקסליד פון דער הגדה, אַז „פאַר יעטוועדן מחבל אַ ווײסטער סוף איז גרייט״, אַזוי ווי מיר האָבן שוין פריִער קאָמענטירט.

הירש אַשעראָוויטש — „צוויי ציגעלער״ (אויך אין בוך „אין דער וועלט פון עקדות״):

איז געקומען דאָס ציגעלע פונעם „חד־גדיא״
צו דעם ציגעלע פונעם אחרית־הימים

און האָט זיך בלוטיק געמעקעט:
„אוי, שוועסטערל, אוי,
ווייִ, צאַרטיקע, ווייִ,
גלייב ניט האַרציקע, דעם נביא!
אויב מיר האָט געקאָנט אַ קאָטער פאַרצוקן,
ווי אַזוי קאָנסטו געטרויען אַ טיגער?״

האָט באַשמעקט דאָס ציגעלע פונעם אחרית־הימים
דאָס פאַרבלוטיקטע פעלעכל פון ציגעלע פונעם חד־גדיא,
האָט זיך דערשראָקן, געוואָרן נאָך ווײַסער ווי געווען
און האָט גענומען שטאַמלען:
„און די שעפּס, זאָג מיר, מיטן וואָלף ווי הויזט?
און דאָס קאַלב מיטן יונגן לייב ווי ליגט?

און דאָס ייִנגעלע — דער מענטש, וואָס איז נאָך ניט פאַרדאָרבן, — פירט דען ניט אָן? גיט דען ניט אַכטונג?״

האָט שוין אַ שפרונג געטאָן דאָס ציגעלע פונעם חד־גדיא
און מיט זײַן ביז הײַנט נאָך רינענדיק בלוט
פאַרשפריצט דאָס ציגעלע פונעם אחרית־הימים:
„גלייב, נאַרישע ציג, גלייב דער נבואה!
דאָס ייִנגעלע וועט אויסוואַקסן און וועט פאַרגעסן גאָר,
אַז ער געהערט צו דער זעונג,
און ער, דער טיגער, מיט וועלכן דו לאַשטשעסט זיך אַצינד,
וועט דעמאָלט הערן דעם נביא, פונקט ווי דער קאָטער...״

דער דיכטער פירט דאָ צונויף דאָס טראַגישע ציגעלע פון חד־גדיא מיט דעם ציגעלע פון דער נבואה פון ישעיהו וועגן דעם אַבסאָלוטן שלום און דער האַרמאָניע, וואָס וועט הערשן אויף דער וועלט „באחרית הימים״, אין דער ליכטיקער צוקונפט פון דער מענטשהייט: „וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ״ אאז״וו. (מער וועגן דעם זע ווײַטער ז. 123).

דאָס איז אַ העכסט דראַמאַטישע קאָנפראָנטאַציע: די טראַגישע ווירקלעכקייט — דאָס בלוטיקדיקע ציגעלע ווערסוס דעם ציגעלע פון אויסגעטרוימטן, אידעאַלן וועלט־שלום, פון אַ פאַנטאַזירטער אידיליע צווישן אַלע פעלקער. דאָס פאַרבלוטיקטע ציגעלע פון חד גדיא האָט שוין די ביטערע, טראַגישע דערפאַרונג און וואָרנט דאָס ציגעלע פון דער נבואה, נישט צו גלייבן דעם טיגער, אַז ער וועט טאַקע הויזן מיט אים צוזאַמען בשלום ושלווה. ס׳איז אַ פאַלשע אילוזיע!

אַשעראָוויטשעס לידער צייכענען זיך אויס מיט אַלע חנען פון דער עכטער פאָלקס־פּאָעזיע און פאַרנעמען מיט רעכט אַ בכּבודיקן אָרט אין דעם היכל השירה.

י. ח. בילעצקי — „דאָס ציגעלע פון דער הגדה״ (פון מחברס כתב־יד):

פון אַלע מײַנע העלדן, פון אַלע ביכער און אַלע סך־הכּלען
איז געבליבן דאָס ציגעלע, אַ וואַרעמע, אַ ווײַסע,
געבליבן ווי אַ לעגענדע, ווי אַ מעשׂה.

אפשר דערפאַר ווײַל אין מײַן ווײַס ציגעלע
ליגן די ווײַסע הענט פון מײַן מאַמען,
דאָס לעצטע ציגעלע
פון מײַן היים.
און פּאַוואָליע, פּאַוואָליע,
ווען איך רעד וועגן דעם ציגעלע, דעם וואַרעמען, דעם ווײַסן,
זע איך מײַן דאָליע, מײַן דאָליע.

פאַרוואָס איז געבליבן פון אַלע העלדן דאָס ציגעלע
אפשר דערפאַר,
ווײַל אין שלאָפלאָזע נעכט, זע איך
געפאַר,
ווײַל פאַרבליבן איז נאָך דער בלוטיקער טײַוול
וואָס וויל פאַרשטומען מײַן פײַפל,
מײַן ניגון,
ס׳זאָלן ייִדישע מאַמעס די קינדער ניט קענען פאַרוויגן.
— — — — — — — —
די צײַט פון נסים שוין לאַנג ניטאָ.
כ׳האָב מורא פאַר דער שעה,
ווען דער חלף
וועט חלילה שנײַדן העלדזער פונדאָסנײַ,
און דער טײַטל פון מײַן רבין וועט ניט ווײַזן מער

אַז קמץ אלף — אָ.
ווּ וועל איך מײַן ציגעלע באַהאַלטן, ווּ?
די שורה איז ווײַט פון מילך און האָניק לאַנד,
די שורה רויבט מײַן רו.

דאָס ציגעלע פאַרנעמט בײַם דיכטער דעם „אויבן־אָן" פון אַלע זײַנע געדאַנקען און פילונגען. עס רופט בײַ אים אַרויס זכרונות פון זײַן מאַמען און אַ נאָסטאַלגיע צו זיין קינדהייט. „אין דעם ווײַסן ציגעלע ליגן די ווײַסע הענט פון מײַן מאַמען, דאָס לעצטע ציגעלע פון מײַן היים" — זינגט דער דיכטער. ער אידענטיפיצירט דאָס ציגעלע נישט בלויז מיט זײַן מאַמען, נאָר אויך מיט זיך אַליין, מיט זײַן דאָליע.

דער גורל פון דעם ציגעלע לאָזט נישט שלאָפן דעם מחבר. ער איז אומרויִק, עס לויערט נאָך דער „בלוטיקער טײַוול", וואָס וויל פאַרשטומען זײַן פאָעטישן געזאַנג, דעם ניגון, דעם ייִדישן ניגון, „ס'זאָלן ייִדישע מאַמעס די קינדער ניט קענען פאַרוויגן".

דער דיכטער האָט מורא, אַז ס'זאָל נישט ווידער אַמאָל קומען די בייזע שעה, „ווען דער חלף וועט חלילה שנײַדן העלדזער פונ־דאָסנײַ".

י. ח. בילעצקי — „דאָס ציגעלע" — (פון מחברס כתב־יד):

„ואתא מלאך המות ושחט לשוחט" (חד גדיא)

דאָס ציגעלע, אַזוי ווי די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
ווי די גאָלדענע פּאַווע,
וויל ווײַטער קויפן און פאַרקויפן,
וויל ווײַטער האַנדלען
אויף ייִדישע פאַרברענטע הייפן,

און בעט זיך: פֿאַרגעסט מיר ניט.
פֿון חד גדיא אַנטלאָפֿן צו דער ייִדישער גאַס.

אין קוזשניע האָט דער שמיד געשמידט,
אַ פֿײַער האָט געגליט, געגליט,
דער פּאַסטוך האָט געפֿירט די שאָף,
דער ייִד פֿאַרקוקט האָט אין אין־סוף,
דער שוסטער ווי יעדער ייִד, ווי יעדער,
האָט אויסגעפּוצט דעם שײנעם לעדער,
דער שנײַדער — נאָדל־פֿאָדים איז דער עיקר,
מיט אַ זמר ממש שיכּור,

איז דאָס ציגעלע אַרײַן
און האָט אויסגעפּוצט מיט שײַן
אַ כאַטקע דאָרט אַרום, אַרום
און אויסגעמעקט שטום
חד גדיא.

דער ווינט האָט דאַן געטאָן אַ בלאָז
און דאָס ציגעלע דאָס ווײַסע
האָט דערציילט אויף גרינעם גראָז
אַ סוד, אַ לעגענדע און אַ מעשׂה.

ווער האָט ניט געהערט די מעשׂה
דער איז טויב און דער איז בלינד,
ס'איז אַ מעשׂה פֿאַר דעם זיידן,
ס'איז אַ מעשׂה פֿאַר דאָס קינד,
ס'איז אַ מעשׂה פֿון געשריי
און פֿון אונדזער צער און וויי.

דערציילט די מעשׂה פון אַ פלאַם
וואָס האָט געברענט אין מיטן ים,
און אַ ייִד האָט מיט אַמאָל
אויסגעזונגען אויפן קול:
ואתא מלאך המוות ושחט לשוחט.

ווען משיח וועט קומען, וועט אויך דאָס ציגעלע
שרייַען אין וואַלד:
געוואַלד,
ווען וועט: ואתא מלאך המוות ושחט לשוחט.

שוין נאָך דער שואה, אַפילו „אויף ייִדישע פאַרברענטע הייפן" וויל דאָך דאָס פאַרבליבענע ציגעלע, דער ייִד, דער שׂריד ופליט, נאָך וויַיטער עקזיסטירן, ווייטער לעבן אין אַן אויפסניַי „שיין אויס־געפּוצטער כאַטקע", אין אַ בעסערער, זיכערער היים און „אויס־מעקן" אויף תמיד דעם „חד גדיא" — די קעגנזייטיקע מערדעריַיען.

דער דיכטער דריקט אויס דעם ציגעלעס „געוואַלדיקן" באַגער פון נקמה אין שוחט: „זאָל קומען דער מלאך־המוות און שעכטן דעם שוחט, דעם בלוט־פאַרגיסער". ווער ס'האָט יענעם געשאָכטן, זאָל אַליין געשאָכטן ווערן.

אַן אַנדערע ווערסיע צו „על דאטפת אטפוך"...

דוד גאָלדשטיין — „געווען אַמאָל אַ מעשׂה" *:

אַמאָל געווען אַ מעשׂה,
געווען אַמאָל און ניטאָ.
די ציג איז געווען אַ וויַיסע,
די ציג איז געווען שוין גראָ.

* זע באַמערקונג אויף זייט 54.

דאָס קינד האָט געחלומט אין וויגל
און אונטערן וויגל — די ציג.
אַ מלאך פֿאַרשפּרייט זײַנע פֿליגל
די מאַמע געוואַכט האָט בײַם וויג.
וואָגלט אַ קינדערשער חלום,
דער חלום איז אויכעט שוין גראָ,
די מאַמע — עליה השלום,
דאָס קינד איז אין וויגל ניטאָ.

חיים גראַדע — ציטאַט פֿון ליד „חד־גדיא" (אין בוך „דורות"):

דער טאַטע האָט דאָס ציגעלע פֿאַרקויפֿט,
דער שוחט האָט דאָס ציגעלע געקוילעט, —
ייִדן, פֿון דער גרענעץ צו דער גרענעץ לויפֿט,
געפּרווירענע, צעטראַטענע און הוילע.

געחלומט האָט דאָס ציגעלע בײַנאַכט,
עס איז אין הימל־בלוי אַרײַנגעריטן,
נאָר ווען עס האָט די אויגן אויפֿגעמאַכט,
האָט אַ בלויער חלף עס געשניטן...
— — — — — — — —
— געליטן האָט עס נאָך איין אויגנבליק,
האָט אויך די מאַמע אָפּגעווישט די טרערן;
נאָר מיטן קינד, וואָס חלומט נאָך אין וויג,
וואָס וועט עס אָן אַ ציגעלע איצט ווערן?

דאָס לידעלע איז אַלט... אוי, חד־גדיא,
פֿון בלוט און טרערן נאַס איז די הגדה, —
און דער שוחט, אוי דער שוחט איז אַ געסטאַפּאָ,
מיט אַ נאַקעטן רעוואָלווער אָנגעלאָדן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען געגלייבט, אַז די מענטשהייט „איז אין הימל־בלוי אַרײַנגעריטן‟, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ צײַט פון שלום ושלווה, אָבער אַנשטאָט דעם איז געקומען דאָס פּאַטאַלע יאָר 1939. עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה און אויפן אָרט פון דעם „הימל־בלוי‟ האָט גאָר „אַ בלויער חלף (דאָס ציגעלע) געשניטן‟... „און דער שוחט, אוי דער שוחט איז אַ געסטאַפּאָ, מיט אַ נאַקעטן רעוואָלווער אָנגע־לאָדן‟.

אין זיין ממש מאָנומענטאַלן ווערק „איציק מאנגר‟, (אין העברעיִש), ווײַזט אָן י. ח. בילעצקי, אַז ח. גראַדע גיט־צו דעם ווײַסן ציגעלע אַ גאָר גרויסע סימבאָלישקייט: וואָס וועט זײַן דעם ייִדישן קינד אָן דעם ציגעלע? וואָס וועט זײַן פון דעם גרויסן חלום אָן דעם ציגעלע? דאָך קאָן מען נישט צונויפבינדן דעם פאָלקס־מאָטיוו אין דעם ליד מיטן פאָלקישן ניגון און ריטעם. עס פעלט דאָ די עלאַסטישקייט און די תמימותדיקייט, די שײַנענדיקע פאַרשיכּורט־קייט, וואָס זענען בעיקר אייגן דעם פאָלקסליד. עס פעלט די רײַכע גאַמע פון דעם ניגון, וואָס פאַרמאָגט דעם שליסל צו עפענען יעדעס האַרץ... די שורה: „עס איז אין הימל־בלוי אַרײַנגעריטן‟ איז בגדר פון אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער שאַפונג, אָבער עס איז ווײַט פון דער שטיפערישער שפּילעוודיקייט פון דעם פאָלקסטימלעכן פערז.

דאָס באַהאַנדלטע ליד פון גראַדע פאַרנעמט אָן ספק אַן אָנגע־זען אָרט אין היכל פון דער אַרטיסטישער ייִדישער פּאָעזיע, אָבער — פּירט אויס בילעצקי — די צוגעגעבענע קינסטלערישקייט און דער שליף (מיט אַנדערע ווערטער: די קאָסמעטישע באַפּוצונג — באַמ. א.ב.) פאַרמינדערט די פאָלקישע באַזע, דעם פאָלקסטימלעכן פונדאַמענט, (ז. 309).

שיקע דריז — „דאָס וויגעלע" (ציטאַט)*:

וויגט זיך דאָס וויגעלע
הין און צוריק.
ניטאָ אינעם וויגל
דער מאַמעניוס גליק.
ניטאָ אינעם וויגל
דער מאַמעניוס פרייד,
וויגט זיך דאָס וויגעלע
ליידיקערהייט.
און ציגעניו־מיגעניו,
ציגעניו גרוי
האַלט אינעם מויל
אַ פאַרבלוטיקטע שטרוי...

שמואל טאָפּ — „שיינע וועלט", ציטאַט, כתב־יד פון מחבר:

שיינע וועלט,
איך האָב דיך ליב,
ווי מייַן מאַמעס צויבער־ליד,
וואָס זי האָט מיר געזונגען —
און פאַרכּישופט מיר דעם חלום
מיט דעם ניגון, וואָס פאַרוויגט:
„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע".

שיינע וועלט,
מייַן גאָלדן ציגעלע —
אין טונקל בלויקייט —

---

* זע באַמערקונג אויף ז. 54.

איז לאַנג שוין פאַרשוווּנדן;
געבליבן איז — פון גאָלדקייט
דער טרויער און די ווונדן.

מאיר־זימל טקאַטש — „אַ וויגליד פון אַ ייִדישער מאַמען אין פוילן״ * (ציטאַט):

ווּ איז, קינד, דײַן וויגעלע?
וויגעלע — ניטאָ.
אויפן אָרט פון ציגעלע
שטייט אַ חיה רעה.
— — — — — — —
לעמעלעך און ציגעלעך,
ייִדעלעך — גאַנץ שאָף,
פאַלן ווי די פליגעלעך,
שלאָף, דו, פליט, שלאָף.

אַלעף כּץ — „ציגעלע־מיגעלע״ (ציטאַט):

גייט דאָס ציגעלע, זינגט אַ ניגעלע,
גייט אַרום פון וויג צום וויגעלע,
גייט מיט לידער פריידיק, —
וויי, וואָס טוט זיך דאָ?
אַלע וועגן — ליידיק.

בילעצקי שרײַבט־צו דער שאַפונג פון אלעף כּ״ץ אַן אָריגי־נעלקייט און עכטקייט פון דעם טיפּישן ייִדישן פאָלקסליד וועגן ציגעלע, (ז. 310).

* זע באַמערקונג אויף זייט 54.

ה. לייוויק — „דאָס ציגעלע״ אין „אַלע ווערק פון ה. לייוויק״, (זע ביבליאָגראַפיע!).

דער טאַטע האָט דאָס ציגעלע
געהאַנדלט פאַר צוויי זוזים,
געטראָגן עס דורך פעלד און וואַלד,
געטוליעט הייס צום בוזעם.

אַהיים געבראַכט און פרייַ געלאָזט
אין ניסנדיקע טעג —
אַרומלויפן, אַרומטאַנצן
אין הויף און ברייטן וועג.

און ווער זאָל זיך גאָר ריכטן,
אַז בייַם שכנותדיקן פויער
זאָל זייַן אַ צאָם מיט נעגל
און אַ דאָרן־קוסט בייַם טויער.

דאָס ציגעלע, דאָס ציגעלע,
דאָס קינדישע, דאָס ווייַסע —
געטראַכט האָט זיך מסתמא,
אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ מעשׂה.

האָט עס טאַנצנדיק אַרייַנגעטאַנצט
אין דאָרן — חי־געלעבט!
און נאָכדעם ווי מיט לעצטע טריט
אַהיים זיך קוים דערשלעפּט.

געלעגן אין פאַרשניטנקייט
צעבלוטיקט און צעגלוטיקט, —

זאָל זײַן מײַן ליד איצט, הלוואי,
אַ טרייסט־וואָרט וואָס דערמוטיקט.

איך זוך איצט דײַנע טריט־צייכנס
אַלץ אָפּטער און אַלץ גערנער —
ווײַס ציגעלע, ווײַס ציגעלע,
קליין קינדישע אָן הערנער.

אין דעם ליד, אָנגעשריבן אין 1939, נאָך פֿאַרן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער שוין אין דער צײַט פֿון דער היטלער־הערשאַפֿט אין דײַטשלאַנד און שטאַרקע אַנטיסעמיטישע כוואַליעס אין אַ טייל גלות־לענדער, באַדויערט דער מחבר, וואָס די ייִדן טראַכטן נישט, ווי פֿײַנטלעך זייערע שכנים, די גוים זענען צו זיי. און ווען דאָס ציגעלע, דאָס ייִדישע קינד, קומט אין אַ נאָענטער באַרירונג מיטן גוי, ווערט עס „צעבלוטיקט און צעגלוטיקט"...

דער דיכטער ווינטשט זיך, דאָס דאָזיקע ליד „זאָל זײַן אַ טרייסט־וואָרט, וואָס דערמוטיקט".

ה. לייוויק — „און אַ ייִנגעלע וועט זיי פֿירן" (אין בוך: („אַ בלאָט אויף אַן עפּלבוים"):

ונער קטן נוהג בם (ישעיה, יא)

דײַן חלום, גרויסער נביא, חלום ווידער,
באַווײַז זיך ווידער איבער חרובדיקע ווענט,
ניט קוק, וואָס דער, וואָס רופֿט דיך זיצט אַ מידער —
דאָס קלאָגט ער אויפֿן ייִנגעלע, וואָס ליגט פֿאַרברענט.

אַ וואָלף דאַרף וווינען מיט אַ שעפּס צוזאַמען,
דאָס ייִנגעלע דאַרף פירן זיי מיט זײַנע הענט, —
דערווײַל קום, נביא, ברענגען טרייסט דער מאַמען,
וואָס קלאָגט־באַקלאָגט איר ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

צום לעמפּערט דאַרף אַ ציגעלע זיך טוליען —
זיי זאָלן האָבןביידע זיך דערקענט;
די מאַמע וויגט אַ פּוסטע וויג, טוט טוליען, לוליען,
דאָס ייִנגעלע ליגט טויט, אויף אַש פאַרברענט.

אַ קו דאַרף שפּרײַזן מיט אַ בער אויף פּיטער,
מיט גוטסקייט צו אַ קינד זאָל זײַן אַ שלאַנג געגענט,
נאָר מיר זײַנען געווען ביז איצטער שלעכטע היטער —
דאָס ייִנגעלע ליגט טויט, אויף אַש פאַרברענט.

די מאַמע שטייגט אַרויף פון בונקער־תהומען
מיט אירע וויגנדיקע הענט צו דיר געווענדט:
אַ נביא, נביא, ברענג דעם אחרית הימים,
מאַך לעבעדיק דאָס ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

ס'איז נאָכן חורבן. דער מחבר קלאָגט אויפן „ייִנגעלע וואָס ליגט טויט, אויף אַש פאַרברענט". און ער ווענדט זיך צום נביא ישעיהו, ער זאָל זיך ווידער באַווײַזן מיט זײַן חלום, מיט דער וויזיע פון „באחרית הימים" וועגן אייביקן פרידן.

דאָס ליד האָט אַלס מאָטאָ דעם פסוק: ונער קטון נוהג בם, און אַזוי קלינגט אויך דער טיטל פונעם שיר. אָבער דער דיכטער באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט דער קורצער פראַזע, נאָר ער אַנטוויקלט פאַר אונדז דאָס גאַנצע בילד כּמעט מיט אַלע פּרטים פון

דער צוקונפטיקער אידיליע, לויט דעם אָרגינאַל: „וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ ועגל וכפיר ומריא יחדיו. ונער קטון נוהג בם. ופרה ודב תרעינה יחדיו ירבצו ילדיהן ואריה כבקר יאכל תבן ושעשע יונק על חור־פתן ועל מאורת צפעוני גמול ידו הרה" (ישעיה יא, ט, ו־ט). אין יידיש, לויט דער איבערזעצונג פון יהואש:

און אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס,
און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע וועט הויערן,
און אַ קאַלב און אַ יונגלייב און אַ פּעט רינד באַנאַנד;
און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן.
און אַ קו מיט אַ בער וועלן זיך פּיטערן,
באַנאַנד וועלן הויערן זייערע יונגע;
און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי.
און אַ זויגעדיקער וועט זיך שפּילן
אויפן לאָך פון אַ שלאַנג,
און אויף דער נאָרע פון אַ נאָטער
וועט אַן אָנטוויינטער זיין האַנט לייגן.

צום סוף, אין נאָמען פון דער אומגליקלעכער מוטער בעט דער פּאָעט דעם נביא, ער זאָל שוין ברענגען דעם „אחרית הימים" און לעבעדיק מאַכן „דאָס יינגעלע וואָס ליגט פאַרברענט".

ה. לייוויק — „חד גדיא" (אין „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים"):

חד גדיא — דאָס שניי ווייַסע ציגעלע,
וואָס טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן —
שטייט אַלץ נאָך און היט דעם קינדס וויגעלע
און זינגט אַלץ אַ ניגון אַ מילדן.

זינג, זינג! — אין אַ לאַנד אַ ניטאָיקן,
אין אַ העק וואָס גערופן זיך שטעטל,
וויגט ציגעלע מיט אַ פוס מיט אַ טלאָיקן
דאָס וויגעלע פון שטריקל און ברעטל,

דאָס קינד איז ניטאָ אינעם וויגעלע —
אַ חוץ נאָר אַן אָנווּנק פון זאַכן;
אַ שטרייעלע און עפּעס אַ שפּיגעלע
וואָס קאָן אַן אויג לאַכעדיק מאַכן.

אַרום — אַ צעשטאָרבענע ליידיקייט,
נאָר ס'ציגעלע ווייס ניט פון שטאַרבן —
עס פילט אָן מיט ליכט און מיט פריידיקייט
דעם שפּיגעלעס בראָכיקן קאַרבן.

עס וויגט זיך אין ניגון דאָס ציגעלע
און קאָן זיך מיט דעם ניט צעשיידן,
עס זעט זיך אַליין אינעם שפּיגעלע
און קוועלט אין ניטאָיקן פריידן.

עס קוועלט און עס שפּאַסט־צו דאָס ציגעלע:
— אָ, אבא'לע, אַלטער צי יונגער,
מעלק אויס מיר מײַן מילך אין אַ קריגעלע
צו שטילן דײַן אייביקן הונגער.

זע, אייביק איז אויך דאָך דאָס וויגעלע
אין עלנד פון סופלאָזע שעהן, —
פאַרשטיפּט זיך אַליין דאָ דײַן ציגעלע
מיט זיך אין אַ וועלט פון ניטאָ'ען.

צו זינגען דאָס אייביקע ניגעלע
דורך אַלערליי גראַמען און חרוזים. —
חד־גדיא — דאָס שניי ווײַסע ציגעלע,
וואָס אבא האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

דער תמצית פונעם ליד איז, אַז דאָס ציגעלע שטייט אַלץ נאָך און היט „דאָס לײדיקע וויגעלע". דאָס קינד איז שוין מער נישטאָ, נאָר אַ שפּילצײַג — אַ שטרויעלע און אַ קליין צעבראָכן שפּיגעלע — איז געבליבן. דאָס ציגעלע, וואָס איז דער סימבאָל פון דעם ייִדישן פאָלק „ווייס ניט פון שטאַרבן", טראַכט אַז ס'איז אייביק בבחינת „נצח ישראל לא ישקר" (שמואל א, טו, כט), און עס זינגט אַלץ „דאָס אייביקע ניגעלע".

צו דעם ליד מאַכט בילעצקי אין זײַן שוין דערמאָנטן בוך (ז. 308) די פאָלגנדיקע באַמערקונגען: דער מאָטיוו פון דעם שיר איז טאַקע אַ פאָלקישער, אָבער נישט אַזוי דער ניגון, דער ריטעם. די ווערטער „ניטאָיִקע", „אַ צעשטאָרבענע לײדיקייט", „ניטאָיִקע פריידן" זענען, לויט אים, אין אַ דיסאָנאַנץ מיטן עכטן פאָלקישן ניגון. די באַדײַטונג פון דעם ליד אין דער ייִדישער ליטעראַרישער פּאָעזיע איז אָן ספק אַ גרויסע, אָבער די קינסטלעכע באַהויכונג פאַרנעפּלט די פּשטות און דעם נאַטירלעכן, תמימותדיקן חן פון אַ פאָלקסליד.

אַן ענלעכער פאַל איז מיט אַ ליד פון חיים גראַדע.

איציק מאַנגער — „די באַלאַדע פון פעטליוראַ", (ציטאַט), אין „ליד און באַלאַדע":

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
ליגט געקוילעט דאָס גאָלדענע ציגעלע —
ס'איז די שעה פון בלוט און געשפענסטער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מאַנגער מיט ווייטיק און טרויער געשריבן אין דעם ליד וועגן די שווידערלעכע פּאָגראָמען אויף ייִדן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין אוקראַיִנע און אין וואָלין אין די יאָרן 1919—1921.

דער דיכטער האָט דאָ געמאַכט אַ פּאַראַפראַזע פון דעם שוין ציטירטן, ברייט באַקאַנטן פאָלקסליד:

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע.

מיטן בײַטן דאָס וואָרט „שטייט" אויף „ליגט געקוילעט", האָט זיך געענדערט די גאַנצע אַטמאָספער, דער גאַנצער אימאַזש פון דעם ליד. דאָס פאָלקסליד, לויטן ערשטן נוסח, געפינט זיך אונטערן חותם פון דעם שיינעם חלום, אַ חלום פון אַ פול לעבן אין דער געשטאַלט פון דער ציג, וועלכע שטייט חנעוודיק אונטער יאַנקעלעס וויגעלע. און אויך דאָס קינד וועבט זײַן אייגענעם שיי־נעם, זיסן חלום. וואָס פאַרא שיין פּאָרל: דאָס ציגעלע און דאָס קינד!

דאַקעגן אין דעם ליד נוסח מאַנגער דריקט זיך אויס שרעק און אימה, מזבח און קרבן... אַ לעבן, וואָס איז יונגערהייט פאַרשניטן געוואָרן. דער שומר פון ייִדישן קינד „ליגט געקוילעט". דער סימ־באָל איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבנס־וועג. נישטאָ מער! (בילצקי — ז. 95־96).

נאָכן לעצטן חורבן (הלוואי זאָל ער שוין האָבן געווען טאַקע דער לעצטער!), האָט מאַנגער ווײַטער ממשיך געווען צו זינגען וועגן דער גאָלדענער פּאַווע און דעם ווײַסן ציגעלע אין זײַן ליד „יתומים" (אויך אין „ליד און באַלאַדע"):

די גאָלדענע פּאַווע
און דאָס קלאָר ווײַסע ציגעלע

וויגן די ליידיקע וויגן;
נישטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע,
טאָ וויגט מען אָן אַ ניגון.
דאָס גאָלד פון דער פּאַווע איז אומעטיק גאָלד,
און דאָס ציגעלע, דאָס פרומע
בלענדט ווי אַ טרויעריקער שניי — ווי צוויי
יתומים פון מײַן אומה.

ס'איז שוין נאָך דער גרויזאַמער שואה. דאָס ייִדישע קינד איז שוין מער נישטאָ. אָבער די צוויי יתומים פון פאָלק, די גאָלדענע פּאַווע און דאָס ווײַסע ציגעלע פירן אויס ווײַטער זייער „נאַציאָ־נאַלע" שליחות צו וויגן... ווען אַפילו שוין „ליידיקע וויגן". און נאָך אַ חידוש: „צו וויגן אָן אַ ניגון", (בילעצקי — ז. 297).

וואָס פאַראַ טראַגיק ליגט אין די פּאָר שורות! דער דיכטער וואָס זײַן גאַנץ לעבן איז דאָך דער ניגון, קומט איצט און אין ליכט פון דער שוידערלעכער ווירקלעכקייט, לאָזט ער „די יתומים" וויגן די ליידיקע וויגן אָן דעם ניגון. דאָס אומגליק איז אַזוי מוראדיק גרויס, אַז ס'איז גלײַכער צו שווײַגן...

נאָכן חורבן־ציון האָבן די פאַראָבלטע גולי בבל אין טרויער אויסגעדריקט זייער ווידערווילן צו זינגען: „איך נשיר?", ווי זאָלן מיר זינגען? ווי קענען מיר זינגען?... (תהלים, קלז, ד). און אהרן הכּהן, נאָכן פאַטאַלן טויט פון זײַנע צוויי זין, „וידוֹם", און ער האָט געשוויגן, ער איז פאַרשטומט געוואָרן... (ויקרא, י, ד).

בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מאַנגער געשריבן:

איז די גאָלדענע פּאַווע געפלויגן, געפלויגן
דורך טויזנט געפאַרן ביז קיין ניו־יאָרק,
דאָס קראַנקע קלאָר ווײַסע ציגעלע

איז איר איינציקע זאָרג.
אַט איז זי געפלויגן
אַט איז זי געקומען
און בעט רחמים בײַם האַרץ פון דער וועלט.
נאָר אפשר דערפאַר וואָס זי טענהט אויף ייִדיש
פאַרשטייען נישט די מושלים פון דער וועלט.

דאָס ליד איז געווידמעט דעם קדוש אַרטור זיגעלבוים, וועל־כער האָט זיך געוואָנדן מיט אַ ווייטיקלעכן אַלאַרם און האַרצרײַסנ־דיקן אַפּעל צו דער פרײַער וועלט, צום געוויסן פון דער מענטש־הייט און געבעטן „רחמים בײַם האַרץ פון דער וועלט״ צו ראַטע־ווען דאָס בלוטיקדיקע ייִדנטום אין פוילן. (זע אויך בילעצקי — ז. 150).

און ווײַטער נאָך עטלעכע לידער פון איציק מאַנגער פון דער באַהאַנדלטער טעמאַטיק:

איציק מאַנגער — „מײַן מאַמע״ (אין זײַן בוך „שטערן און שטויב״):

דאָס „גאָלדענע ציגעלע״ אונטער מײַן חרוב׳ער וויג
בענקט די נשמה אויס נאָך דײַן וויגן־ליד,
מיט געבראָכענע פליגל די „גאָלדענע פאַווע״ פליט
און טראָגט אין איר שנאָבל דאָס פאַלשע פינגערל „גליק״.

און אַ צווייט ליד פון זײַן בוך „וואָלקנס איבערן דאַך״:

די קבֿרים בלײַען און די פייגל פלײַען,
אַן אַלטער ייִדישער גראַם
מיט אַ ביטער ייִדישן טעם,
נאָר איין גאָט זאָל זיך מײַען.

וועך בין איך? און וואָס מער
ווי אַן אייניקל פון ליאָקעם בדחן
פון יאַנקל לערער דעם שדכן
אַ מעשׂה, אַ ליד און אַ ייִדישע טרער.

און אפשר, ס׳קען זײַן פאַרקערט,
כ׳בין דאָס גילדענע ציגעלע
אונטער יאַנקעלעס וויגעלע,
אַ „מע״ וואָס פאַרבינדט דעם הימל מיט דער ערד.
— — — — — — —

און נאָך אַ קורצער ציטאַט פון אַ געטאָ־ליד:

...דערווײַל איז דאָס ציגעלע אויסגעגאַנגען
אין פינצטערן געטאָ, אין אַ קעלער שטוב
און דײַטשע זעלנער מיט שיכּורע געזאַנגען
האָבן עס אַרײַנגעוואָרפן אין אַ מאַסן־גרוב.

די דרײַ ציטירטע לידער זענען געשריבן נאָכן חורבן. אין ערשטן — ווענדנדיק זיך צו דער מוטער, דריקט אויס דער מחבר די שטאַרקע בענקשאַפט פון דעם „גאָלדענעם ציגעלע״ צו דער מאַמעס וויגליד. אין דעם פאַל איז דאָס „גאָלדענע ציגעלע״ די פּערזאָניפיקאַציע פון פּאָעט אַליין. דאָס איז ער, וואָס בענקט אויס די נשמה צו זײַן מאַמעס אומפאַרגעסלעכן, זיסן וויגליד.

אין צווייטן ליד אידענטיפיצירט זיך שוין דער דיכטער גאַנץ אָפן, אַז ער איז דאָס „גאָלדענע ציגעלע״, זײַן נאָגנדיקער און ניגונדיקער „מע״... וואָס קומט „ממעמקים״, גרייכט ביז צום הימל...

אין דריטן און לעצטן ציטאַט איז דער תוכן קלאָר און דאָס ציגעלע מיטן יידישן קינד איז איינס און דאָס זעלבע.

איציק מאַנגער — „עפּיטאַף" אין בוך „ליד און באַלאַדע":

דאָ ליגט די טרויעריקע מידע נאַכטיגאַל
צום ערשטן מאָל אין אָן אייגן בעט.
דער שניידער־געזעלן בראָדיאַגע און פּאָעט,
דער אויף תמיד פאַרשטומטער לידער־קוואַל.

רייסט נישט די קראָפּיווע פון דעם קבר אויס,
און שאַרט נישט ווינטער־צייט אָוועק דעם שניי,
דעם שלאָפער אונטן טוט מער גאָר נישט וויי,
ער לעבט בשלום מיטן וואָרים און דער מויז.

וואַרפט נישט קיין בלומען אויף דעם בערגל ערד,
פאַרריבט נישט וואָס דער שטורעם־ווינט צעשטערט,
פאַרטרייבט נישט די סאָווע פון מצבה־שטיין.

לאָזט זשומען אַרום אים דאָס פלאַטערל, די בין, די פליג,
לאָזט פּאַשען נישט געשטערט דעם **קברנ׳ס ציג**
און אים אַליין, לאָזט אים זיין אַליין.

מאַנגער פאַרגעסט נישט אין דער ציג אויך אַפילו דאַמאָלס, ווען ער שרייבט דעם עפּיטאַף אויף זיין אייגענער מצבה. צווישן די אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט זיין קבר, זאָגט ער אויך אָן: „לאָזט פּאַשען נישט געשטערט דעם **קברנ׳ס** ציג און אים אַליין" — דעם פּאָעט — „לאָזן אַליין".

פּרץ מאַרקיש — „צו אַ ייִדישער טענצערין״ (ציטאַט):

1.

באַקלאָגט דער ים זיך דען אַמאָל אין זײַן געבּרום?
באַדאַרף אַ ווינט דען אין זײַן בלאָנדזשעניש אַ האַפן?
אַרויסגעריסן פון מײַן האַרץ האָט זיך די רו,
אַוועקגעפלויגן ווי די גינגאָלדענע פּאַווע...

כ׳וואָלט אפשר צובינדן באַדאַרפט זי צו אַ בוים,
ווי אונדזער ציג מ׳האָט צו אַ ביימל צוגעבונדן,
נאָר איז די ציג דען ניט אַנטלאָפן פון דער היים
און איז די היים ערגעץ אַליין דען ניט פאַרשוווּנדן?

געווען אַ ציג... אַזאַ מין צוגעלאָזטע ציג...
האָט איר פאַרגלוסט זיך ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...
געטאָן עס האָט זי מיט אַ מאָל ערגעץ אַ צי —
האָט עמעץ איינהאַלטן געקאָנט זי אין דער האַנט דען?

פון אַלץ געבליבן איז מיר בלויז אַ ליד אַליין,
איך זוך זיי אַלע אין מײַן בלאָנדזשעניש אָן אויפהער,
איך גיי זיי נאָך, איך זאָג זיי שפּרוכן אַלערליי
און כ׳קאָן מיט גאָרניט זיי צוריק צו זיך פאַררופן...

אַ שפּרוך וועגן אַ ציג, וואָס איז אַוועק ערגעץ געהיים —
אַדורכשנײַדן אַ וועג — פון לאַנד צו לאַנד זיך;
ניין, ניט געווען די ציג געבונדן צו קיין בוים,
ווײַל ניט געהאַט קיין בוים האָט, וווּ זיך צו פאַרפלאַנצן.

מאַרקיש האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע פּאָעמע אין 1940, נאָך דער אינוואַזיע פון די דײַטשן קיין פּוילן און עס האָבן זיך שוין אָנגעפאַנגען די לײַדן פון די ייִדן.

דער דיכטער קלאָגט אויף דעם פאַרלוסט פון זײַן רו, זײַן שלווה, וואָס איז געוואָרן „אַרויסגעריסן פון זײַן האַרץ״. די ציג, דער סימבאָל פון יידישן פאָלק, איז אַוועק וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד, ווײַל זי האָט נישט געהאַט... „ווו זיך צו פאַרפלאַנצן״, נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען — געבליבן נע ונד. דער פּאָעט זוכט זי אין זײַן „בלאָנדזשעניש אָן אויפהער״. די היים איז ערגעץ פאַר־שוווּנדן. נישטאָ די ציג. נישטאָ די היים. פון אַלץ איז דעם דיכטער געבליבן „בלויז אַ ליד אַליין״...

די פּאָעמע איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין פאַרלאַג אין מאָסקווע דורך דער סאָוויעטישער צענזור.

2. „סתם״ (אַ ציטאַט):

...אין האַלבן טאָג פון מײַנע אויגן,
אין שוואַרצער נאַכט פון זייער קוקן, —
מיט לאַנגער קייט
אויף דײַן געלעגער,
ווי אַ געליבטע האַלדזסט מיך, טויט...
אָ, גיי ניט נאָך מיר, גיי ניט, טויט!...

מיך רופן ציגן, ווײַסע ציגן,
זיך אומקערן כ׳וויל צו דער צײַט, —
צום ערשטן פּאָכער פון דײַן פליגל. — —

3. „די קופּע״ (אַ ציטאַט):

אויף מײַן האַרץ גייט דול אַ שטאָט אויס,
פון די אַקסל קריכן ראָגן;
אָ, דו ציגעלע פון אויפגאַנג,
פּאָר צוויי גילדן אויסגעביטנס,
נאָך אַמאָל כ׳בין אויף דײַן ברית...

די פּאָעמע „סתם״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, אין וואַרשע, אין 1922.

פון דעם זעלבן פאַרלאַג איז מיט אַ יאָר פריִער (1921) דער־שינען „די קופּע״, פון וועלכער ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ ביבליאָ־פילישע אויסגאַבע דורך דער ייִדישער סעקציע ביַים העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים בשותפות מיט דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און מיט דער אוניווערסיטאַרער אין ירושלים.

„די קופּע״ איז אַן עלעגיע אויף די דערמאָרדעטע ייִדן דורך די אוקראַיִנישע רוצחים אין 1919.

י. י. סיגאַל — אַ ציטאַט פון אַ ליד, (אין בוך „אין הויז פון די פשוטע״):

געוועזן דאָ אַ שיין ציגעלע,
געוועזן דאָ אַ קינדעריש וויגעלע,
און וואָס איז געוואָרן מיט ייִנגעלע און וויגעלע ?
ניטאָ, פאַרשוווּנדן !
לויפט דאָס ציגעלע דורכן פינצטערן וואַלד
זוכן דאָס פאַרלאָרענע ייִנגעלע —

(און אַ צווייטער ציטאַט פון בוך „לעצטע לידער״):

שלאָף מיַין קינד מיַין טיַיערס —
איבער טויטע וועגן.
איבער טויטע דערפער,
גייט אַ טויטער רעגן.
ליידיקע די גאַסן,
ליידיקע די שטיבער,
ליידיקע די הימלען,

פולע נאַר די גריבער.
— — — — — — — —
אונטערן רעגן דאָס עלנטע ציגעלע
וואָס יאָגט נאָכן פאַרשוווּנדענעם ייִנגעלע.

אַן אינטערעסאַנטער מאָטיוו: נישט דאָס ייִנגעלע זוכט דאָס ציגעלע, נאָר פאַרקערט. דאָס ציגעלע לויפט זוכן דאָס ייִנגעלע און שפּעטער אין צווייטן ליד, אַפילו „יאָגט עס נאָכן פאַרשוווּנדענעם ייִנגעלע". דאָס פילט אונדז אָן מיט זאָרג, סײַ וועגן גורל פונעם ייִנגעלע, צי לעבט עס נאָך, אָדער ס'איז חלילה שוין אומגעקומען, און סײַ וועגן ציגעלע, וואָס האָט זיך געלאָזט עס זוכן אויף געפּער־לעכע וועגן, „דורכן פינצטערן וואַלד" און „אונטערן רעגן", אונטער אַ טויטן רעגן...

לויט בילעצקי, פאַרמאָגט דאָס ליד פון סיגאַל דעם אמתן אַראָמאַט און גוטן ריח פון דער ייִדישער פאַנטאַזיע און עס אַנקערט אין דעם אייביקן לעבן פון דער פאָלקס־פּאָעזיע. (בילצקי, ז. 310).

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — „לאָזט מיך ענדיקן"... (אין „איבער חורבות"):

לאָזט מיך, לאָזט מיך ענדיקן דאָס ליד
וואָס אָנגעהויבן האָט די מאַמע בײַ מײַן וויגעלע,
אין האַלבע נאַכט, צעבראָכן, שוואַך און מיד
געוויגט, פאַרוויינט מיך מיט אַ „גאָלדן ציגעלע"...
מיט „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" און מיט נאָך און נאָך
אַ סך אַזעלכע שיינע גוטע זאַכן,
וואָס דער טאַטע וועט מיר ברענגען, —
אויב איך וועל די אייגעלעך פאַרמאַכן;

— — — — — — — —
לאָזט מיך ענדיקן אויף מאַמע־לשון, ייִדיש.
דאָס געקוילעטע געזאַנג פון יענע טעג,
ווען אַ געפאַנגענער ביַים טויט האָט אויפגעהויבן:
„זאָג נישט קיינמאָל,
אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

איציק פעפער — ציטאַט פון אַ ליד:

ווען דער דיַיטש האָט געהאָנגען די מאַמע
מיט אַנדערע מאַמעס צוזאַמען,
און ווען דער טאַטע האָט זיך געוויגט
אָף אַ צוויַיג פון אַ בוים אין אַ שלייף דערשטיקט,
באַם גרויסן אומגליק ווער איז געווען?
ווער האָט דעם גרויסן אומגליק געזען?
— אַ ציגעלע!

אַדעלאַ פרידמאַן — „אַ ווינטל ווייַנט"...:

וויין ניט, ייִנגעלע, ניט וויין!
געפאַלן איז דער געטאָ־העלד,
עס זאָל קיין געטאָ מער ניט זיַין!
פאַרגיב, פאַרגיב דיַין מאַמען, קינד,
וואָס ניט פון ציגעלע איך זינג...
ווי אַ קייטעלע אין רינג
צוזאַמען היַינט מיט אַלעמען
דאָס שטאָלצע געטאָ־ליד איך זינג.
— — — — — —

הײַנט, אין טאָג פון אַלע טעג,
„זאָג ניט קײנמאָל,
אַז דו גײסט דעם לעצטן װעג״.

יעקב פרידמאַן — אַ װיגליד:

שלאָף מײַן צברא, כ׳װעל דיך װיגן,
ליו־לאַ, מײַן קינד,
געװען אַמאָל, אַמאָל, אַ ניגון,
זינג איך אים איצט אַצינד.
ציגעלע ,מיגעלע, רײַטן —
אַהינטער יאַנקעלעס װיג,
פלעגט שטײן אַמאָל, נאָך פאַרצײַטן,
אַ ליכטיקע גאָלדענע ציג.
די ציג פלעגט זינגען אַ ניגון,
איז ער געװען אָנגעפיקט
מיט יידישע גראַמען, װאָס װיגן
דאָס ליכטיקע קינד אין דער װיג.

בנימין קאַץ — „אונטער מײַן ליידיק װיגעלע״:

אונטער מײַן ליידיק װיגעלע
איז געבליבן גאַנץ דאָס ציגעלע.
דאָס ציגעלע האָט ניט װאָס צו האַנדלען
ניטאָ מער קײן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
ציגעלע־מיגעלע קאָטינקע
רױטע פײער־פלאַמען —
דער נאַצי האָט געקױלעט דעם שוחט —

מיטן חלף געשאָכטן דער מאַמען.
דאָס ציגעלע וויגט דאָס וויגעלע
און מעקעט אויס אַ ניגון —
אַט באַלד וועט מען קוילן דאָס ציגעלע
וועט מען שוין קיינעם ניט פאַרוויגן.
איבער מײַן לײדיק וויגעלע
ליגט אַ געשאָכטן ציגעלע
אוי, ווי גוט ס'איז זײַן מערכה —
געקוילעט אָן אַ ברכה...
צוגעדעקט ליגט דאָס ציגעלע
מיט אַ געלער לאַטע.

משה קאָנסטאַנטינאָווסקי — ציטאַט, פון אַ וויגליד פון אַ דײַטש־ייִדישער מוטער (אין „לידער־בוך״, זע ביבליאָגראַפיע):

...אויס מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען:
אונטער ייִדעלעס וויגעלע
שטייט שוין נישט קיין ציגעלע;
מ'דאַרף שוין טראַכטן וועגן וואַנדלען.
אונדזער האָב און אונדזער פּראַצע
צוגענומען האָט דער נאַצי...
ווייסט נישט, טײַערער, ווייסט נישט, קרוין,
דו ביסט איצט יתום שוין,
פון דעם „לאַגער״, אין אַ נאַכט
האָט מען פאָטער טויט געבראַכט...

עס זעט אויס, אַז דער מחבר האָט אָנגעשריבן דאָס ליד אונטערן אײַנדרוק פון די אַנטי־ייִדישע עקסצעסן אין דײַטשלאַנד און נאָך פאַר די הריגות פון די ייִדן אין פוילן. עס באַווײַזט דאָס דער

טיטל: אַ וויגליד פון אַ דײַטש־ייִדישער מוטער, נישט פון סתם אַ ייִדישער מוטער.

משה שולשטיין — „ייִדיש וויגליד אין 16־טן יולי", ציטאַט, פון „אַ בוים צווישן חורבות":

מאַנדעלער און ראָזשינקעס
האָב איך פאַר דיר געוואָלט,
האָט אין וואַלד פאַרבלאָנדזעט זיך
ס'ציגעלע פון גאָלד.

האָט אַ וואָלף דאָס ציגעלע
ערגעץ־ווו פאַרציקט, —
ס'קומט נישט מער צוריק...
איצט שאַרפט די ציינדעלער
דער בייזער וואָלף אויף דיר. —

דער מחבר האָט געווידמעט דאָס ליד דעם טאָג פון 16־טן יולי 1942, ווען ס'איז פאָרגעקומען די גרעסטע דײַטשע און פראַנצויזיש־פאַשיסטישע מאַסן־אַקציע אויף די פאַריזער ייִדן.

יעקב שטערנבערג — „ייִדיש פאָלק מײַן...":
ייִדיש פאָלק מײַן,
צוריקגעיאָגט אין דײַן פינצטערן ליק,
לייג דיך ווידער שטיל אַרײַן
אין דער מאַמעס וויג. —
גלייב, אַז אונטער איר נאָך ליגט
פון די גאָלדענע ציגן די גאָלדנסטע ציג.
מיט דעם ווײַכן, זיסן, טונקעלן בליק

אין די אָפענע מאַנדל־אויגן,
וואָס פון זיי עס קוואַלט מײַן ניגון. *

דער דיכטער דריקט אויס זײַן גלויבן, אַז „אונטער דער וויג ליגט נאָך... די גאָלדנסטע ציג" מיט אירע „מאַנדל־אויגן" (אַן אָנדײַט צו די „ראָזשינקעס און מאַנדלען"...).

אין אַ צווייט ליד — „אַ מעשׂהלע":

דאָס בעטל פון שפיטאָל איז
ווײַזט אויס, אויך אַ וויג,
יאָ, אויך אַ וויג, יאָ, אויך אַ וויג.
און אונעטר איר — קיין ציגעלע,
נאָר שוין אַ ציג.

אויפן קראַנקן־בעט אין שפיטאָל באַדויערט דער דיכטער זײַן מצב. אונטער זײַן בעטל, וואָס ער פאַרגלײַכט מיט אַ וויג, איז נישטאָ „קיין ציגעלע", דער סימבאָל פון דער קינדהייט מיט די זיסע חלומות און האָפענונגען, נאָר „שוין אַ ציג", (אַפילו נישט קיין „קלאָר־ווײַסע"), — די האַרטע, גרויעווירקלעכקייט.

---

* די ציטירטע לידער פון אַדעלאַ פרידמאַן, יעקב פרידמאַן, בנימין קאַץ און יעקב שטערנבערג ווערן געבראַכט ווי באַמערקונג, ז. 54.

די ציג אין דער קונסט

דער ציגעלע־מאָטיוו געפינט זיך אויך אין די פאַרשידענע צווײַגן פון דער קונסט, ווי מאָלערײַ, סקולפּטור, ליטאָגראַפיע, האָלצשניט, מעטאַל־גראַווירונג און רעליעף, ווי צ״ב בײַ די פאָלגנדיקע קינסטלער (לויטן א״ב): משה בערנשטיין, נחום גוטמאַן, חנוך (הענריק) גליצענשטיין, חיים גראָס, מאַרק זשיטניצקי, דוד טישינסקי, דוד לאַבקאָווסקי, אליעזר ליסיצקי, אריה מערזער, אַרטור קאָלניק, תנחום (אַנאַטאָלי) קאַפּלאַן, מאַרק שאַגאַל א״אַ.

מחמת טעכנישע סיבות קענען מיר זיך נישט אָפּשטעלן אויף די שאַפונגען פון אַלע אויבן אויסגערעכנטע קינסטלער. מיר וועלן בלויז אָנמערקן עטלעכע פון זיי, נישט פאַרמינערנדיק כהוא זה פון די ווערטן פון די אַנדערע.

דער פײַנפילנדיקער משה בערנשטיין האָט געמאַכט אַ קינסט־לערישע גראַפישע צייכענונג, שוואַרץ־ווײַס, פון אַ ציגעלע, ווי אַן אילוסטראַציע צו זײַן ליד „צו מײַן טאָכטער״ בעת איר געבוירן ווערן (זע ז. 98).

דער באַרימטער מאָלער און צייכענער פון אַלט תל־אביב, נחום גוטמאַן, האָט אין 1926 געשאַפן אַ גרויס אייל־בילד, וואָס שטעלט פאָר אַ פּאַסטוך מיט אַ סטאַדע ציגן.

חנוך (הענריק) גליצענשטיין האָט געשאַפן אַ סעריע סקולפּ־טורן אויף תנ״כישע טעמעס, צ״אַ אַ גראַציעזע סטאַטוע: שולמית (פון שיר השירים) האַלט אַ באָקעלע בײַ די הערנער, ענלעך צו

דער באַקאַנטער קלאַסישער פיגור פון דער געטין דיאַנאַ, די יעגערין.

אליעזר ליסיצקי, אַ באַדייטנדיקער מאָלער, אַרכיטעקט און קונסט־טעאָרעטיקער, און בשעתו מיטאַרבעטער מיט מאַרק שאַגאַל ביַי די דעקאָראַציעס צום יידישן טעאַטער אין מאָסקווע, האָט אַרויסגעגעבן צוויי סעריעס בילדער אויפן סוזשעט פון חד גדיא־ליד: איינע אין פאַרבן און די צווייטע אין שוואַרץ־וויַיסער גראַפיק. אויך האָט ער געמאַכט גראַפישע אילוסטראַציעס פון חד גדיא־מאָטיוו צו ביכער אין יידיש און העברעיש.

די בילדער פון ליסיצקי, געשאַפן אין 1919, אין פּאָסט־קוביס־טישן סטיל, זענען ענלעך צו שאַגאַלס אַרבעטן און טראָגן אַ פאָלק־לאָריסטישן כאַראַקטער.

אגב, אונטערן איַינפלוס פון ליסיצקיס חד גדיא־בילדער, האָט פראַנק סטעלאַ, אַ יונגער אַמעריקאַנער מאָלער, געשאַפן אין 1980, אַזאַ זעלבע צאָל חד גדיא־בילדער, וואָס זענען אָבער דורכויס אַבסטראַקט, אַזוי וויַיט, אַז ס׳איז נישט צו געפינען אין זיי קיין סימן און זכר פון דער באַקאַנטער חד גדיא־מעשׂה בכלל און פון ליסיצ־קיס בילדער בפרט. ס׳איז נאָר צו באַוווּנדערן סטעלאָס רייַכע גראַ־פישע טעכניק, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט אַרויסצוברענגען די פאַנטאַסטישע געאָמעטרישע צייכענונגען אין דראַסטישע, בונטע קאָלירן, וואָס פאַרכאַפּן ממש דאָס אויג.

רודאָלף לעהמאַן, אויך פאַררעכנט צו די ישראלדיקע קינסט־לער, האָט געשאַפן אַ גראַפישע צייכענונג פון אַ ציג.

אַריה מערזער, דער מייַסטער אין מעטאַל־גראַווירונג און רע־ליעף, שטעלט פאָר אַ בילד, ווי אַ ציגעלע זייגט פון אַ פרויס בריסטן... און אויך אַ סעריע פון קופּער־רעליעף — אַרבעטן אויף תנ״כישע טעמעס, צו די פסוקים: „הנה רחל בתו באה עם הצאן״ (און אָט קומט זיַין טאָכטער רחל מיט די שאָף) און „ויגש יעקב ויגל את האבן מעל פי הבאר״ (און יעקב האָט זיך דערנענטערט

און אַראָפּגעקײַקלט דעם שטיין פֿון דער עפֿענונג פֿון ברונעם), כּדי צו דערמעגלעכן דאָס אָנטרינקען די שאָף (בראשית כט, י).

תנחום (אַנאַטאָלי) קאַפּלאַן, אַ באַוווסטער קינסטלער, האָט געשאַפֿן אַ ציקל ליטאָגראַפֿיעס אויך וועגן דער חד גדיא־באַלאַדע. די דאָזיקע האָט אים ממש פֿאַרכאַפּט און ער האָט פֿיר יאָר גע־אַרבעט איבער דער סעריע בילדער אין ליטאָגראַפֿיע. דערנאָך האָט ער אויך אויף דעם זעלבן סוזשעט געשאַפֿן אַ ציקל בילדער אויף טעלער פֿון קעראַמיק.

אויפֿן שער־בלאַט פֿון דעם אַלבום זעען מיר, ווי אויף אַ פֿיר־עקיקן טאָוול, גלײַך ווי אַ פּיעדעסטאַל, שטייט אַ ציגעלע. פֿון ביידע זײַטן — צוויי הינטעלעך אויף די הינטערשטע פֿיסלעך, און זייערע קעפּלעך זענען געווענדט צום ציגעלע. אַרום זיי און אַריבער זיי אַלע — אַ ברייטע, טונקל־גאָלד געפֿאַרבטע צווײַג, אויף וועלכער עס זיצן פֿייגעלעך.

אויפֿן ערשטן פֿון די אַכט בילדער זענען אויסגעקריצט די ווערטער: „דער טאַטע האָט געקויפֿט פֿאַר צוויי גילדן אַ ציגעלע". עס שטייט אַ ציגעלע אויף צווײַגן. אויף דעם צווייטן בילד זעט מען אַ קעצעלע אויף אַ בוים, וואָס וואַרפֿט זיך אויפֿן ציגעלע. אויף די ווײַטערע בילדער פֿאָלגן נאָך די סצענעס מיטן הונט, מיטן שטעקן, מיטן וואַסער, מיטן פֿײַער און מיטן אָקס, ווי אין דער אָריגינעלער חד גדיא־מעשׂה. אָבער דער פֿינאַל איז אַן אַנדערער. ביי קאַפּלאַן איז נישט גאָט דער לעצטער, וואָס באַזיגט דעם רשע, דעם פֿאַר־דאַרבער, דעם מלאך המוות, נאָר דער מענטש אַליין, אַ האָרע־פּאַשנער פּויער, וואָס באַהערשט דעם ברוטאַלן אָקס. ער הרגעט אים נישט, ער פֿאַרגיסט נישט קיין בלוט, נאָר ער שפּאַנט אים אײַן צו אַ פּראָדוקטיווער אַרבעט פֿאַרן וווּל פֿון דעם בן אָדם. דער מענטש איז ביכולת און מחויב צו באַצווינגען די ברוטאַליטעט און גוואַלד־אַקטן און אַ סוף מאַכן צו די קעגנזײַטיקע רציחות אין דער וועלט.

ראובן רובין, דער באַרימטער ישראלדיקער מאָלער און גראַ־פיקער האָט אַ גראַפישע צייכענונג פון צוויי ציגן.

יעקב שטיינהאַרט, אויך אַ ישראלדיקער קינסטלער, האָט גע־מאַכט אילוסטראַציעס צו הגדה־אויסגאַבעס, צוו״אַ אַ מעטאַל־גראַווירונג און אַ האָלצשניט, וואָס שטעלן פאָר אידענטיש צוויי ייִדן, פון וועלכע איינער האַלט אַ קליין ציגעלע אין זײַנע אָרעמס.

און אַחרון, אחרון — מאַרק שאַגאַל, דער גאָט־געבענטשטער מאָלער, וואָס ציט זײַן קינסטלערישע יניקה פון דעם פאָלקלאָר פון דעם ייִדישן שטעטל, פון זײַנע זכרונות און פערזענלעכע איבער־לעבענישן אין זײַן אַלטער היים. איבעראַל ווו ער געפינט זיך, באַגלייטן אים די אומפאַרגעסלעכע, פילפאַרביקע בילדער פון דעם אידילישן, טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבנס־שטייגער, ווי צ״ב, אַ חתן מיט אַ כלה, דער מאַמעס שבת־ליכט, אַ קלעזמער, אַ פידעלע, אַ מנורה, אַ חנוכה־לעמפל, אַ ספר־תורה, ייִדן מיט טליתים און תפי־לין און אויך... די ציג. ס'קאָן דאָך נישט „געמאָלט זײַן" (אין דאָפּלטן זין פון דעם וואָרט), אַ ייִדיש שטעטל אָן אַ ציג...

איז טאַקע די ציג אַ זייער אָפטער קאָמפּאָנענט אין שאַגאַלס קינסטלערישע אַרבעטן, וואָס מיר וועלן זיך באַמיִען, ווי ווײַט מעגלעך, דאָ אויפצוווײַזן.

דער געניאַלער מײַסטער מאַרק שאַגאַל האָט געשאַפן אַ גרויס בילד, אָנגערופן „צו מײַן פרוי", וואָס ווערט באַטראַכט אַלס אַ סך־הכּל פון זײַן גאַנצער אַרטיסטישער יצירה. עס שטעלט פאָר אין מיטן אַ כלה אין איר ווײַסן חופה־קלייד מיט אַ לאַנגער שלעפּע. רעכטס — אַ יונג מיידל ליגט אויף אַ בעט און וואַרט אויף איר געליבטן. איר גוף שײַנט ווי אַלאַבאַסטער. דורך אַ בוקעט העל־קאָלירטע בלומען וואָס לײַכטן ווי דימענטן, קאָן מען זען אַ לאַנד־שאַפט פון אַן אַלט רוסיש דאָרף.

אויף דעם בילד פיגורירט אויך אַ חנוכה־לאָמפּ און אַ ציג, אַ

בלויע ווי טורקלטויב. ווײַטער זעען מיר אַ פידעלע אויף אַ דאַך און אַ פײַערדיקן מלאך, וואָס איז מקריב אַ שעפּעלע.

דאָס אַלץ איז אַן אויסדרוק פון דעם מאָלערס פּערזענלעכע, אינדיווידועלע, אָבער אויך גלײַכצײַטיק אוניווערסאַלע געפילן.

אויף אַ צווייט בילד פון שאַגאַל זעט מען, ווי אַ מיידל מעלקט אַ ציג און דאָס אַלץ געפינט זיך אויף דער קאַנווע פון אַ גרעסערן קאָפּ פון אַ צווייטער ציג.

בײַ שאַגאַל זענען פאַראַן נישט נאָר אַ ווײַסע און אַ בלויע ציג, נאָר אויך אַ גרינע ציג. דאָס בילד מיטן נאָמען „די גרויסע נאַכט" שטעלט פאָר: אַ מאַן און אַ פרוי פליִען אין דער לופטן און לעבן זיי — אַ גרין ציגעלע.

בײַ שאַגאַל, דעם גאונישן מאָלער, איז דער ציג־מאָטיוו אַן אומדערשעפּלעכער אינספּיראַציע־קוואַל. די ציג באַגלייט אים אין זייער אַ סך פּראָדוקציעס, פון וועלכע מיר ווען אָנווײַזן בקיצור בלויז אויף נאָך עטלעכע: 1) אַ בילדל אויף אַ קעראַמיק־טעלער. 2) אַ ליטאָגראַף מיט דעם גריכישן פאַרליבטן פּאָרל דאַפניס און קלאָע. 3) אַ סקיצע פאַרן יידישן מאָסקווער טעאַטער אין 1919. 4) אויף אַ וואָגן פון אַ יידישן באַלעגאָלע הויערט אַ ציג מיטן פּנים געוועבדט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. 5) אַ ייִד שטייט און איז מתפּלל. 6) אויף אַ בילד מיטן נאָמען „איינזאַמקייט" הויערט אַ ציגעלע בײַ אַ פידעלע לעבן אַ ייִד אין אַ טלית און מיט אַ ספר־תורה אין דער האַנט און איבער זיי שוועבט אַ מלאכל. 7) אין מיטן — אַ פידלער, רעכטס — זיצט אַ מוזיקער מיט אַ ציגן־קאָפּ און שפּילט אויף אַ פידל. 8) לעבן אַ צערקווע, אויף אַ דאַך שטייט אַ קו און אַ קינד צוזאַמען מיט אַ ציגעלע זייגן פון אירע אײַטערס. איבער זיי דערנענטערט זיך אַ פרוי מיט אַ שעפל אין דער האַנט אויף צו מעלקן די קו, אָבער איר קאָפּ איז אָפּגעריסן פונעם קערפּער און איז פאַרקוקט ערגעץ אין די הימלען... 9) אַ מיידל מעלקט אַ בלויע ציג אויף אַ גרינעם הויף אין פראָנט פון אַ גרעסערער

הילצערנע געבײַדע און פון דאַך קוקט אַראָפּ אַ גרויסע ציג. 10) אַ גרויס בילד מיטן טיטל „זונטיק". אַ שלווה און מנוחה הערשט איבער שאַגאַלס שטאָט — פּאַריז. אַ זונטיק פאַר אַ פאַרליבט פּאָרל, איידל געאָרעמט. די פרוי שטרעקט אויס אַ בוקעט בלומען, גע־האַלטן מיט אירע דינע פינגער. אין דער זײַט שטייט אַ ווײַס ציגעלע. 11) „דער פאַלנדיקער מלאך". אַ גאַר אײַנדרוקספול בילד, אויף וועלכן שאַגאַל האָט געאַרבעט 24 יאָר און עס פאַרענדיקט אין 1947. עס שטעלט פאָר אַ פײַערדיקע אַפּאָקאַליפּטישע וויזיע פון אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע. בײַם פאַלנדיקן מלאך שטייט פון איין זײַט אַ פרוי מיט אַ קליין קינד אין די אָרעמס, גרייט צו אַנטלויפן. פון דער צווייטער זײַט — אַ ייִד מיט אַ ספר־תורה אין דער האַנט, וואָס האָט הפנים אָקאָרשט פאַרלאָזט זײַן חרובע היים, שענקט ער איר זײַן לעצטן בליק. צווישן דעם אַרויסוואַנדערנדיקן ייִד און דעם עק פון דעם אַראָפּהענגענדיקן פליגל פון דעם פײַערדיקן מלאך שטרעקט אַרויס אַ געלע ציג, וואָס רירט אָן אַ פידעלע. 12) איבער אַ גרויסן בוקעט קאַלירפולע בלומען קוקט אַרויס אַ גרינער קאָפּ פון אַ ציג. דער דאָזיקער בלומענטאָפּ שטייט אויף אַ דאַך. 13) אַ וואַזאָן בלומען שטייט אויף אַ רוקן, פון וועלכן די רעכטע העלפט איז פון אַ ציגעלע און די לינקע — פון אַ פייגעלע. 14) אַ סקיצע פאַר אַ רעוואָלוציע. צווישן די דעמאָנסטראַנטן מיט רויטע פאָנען לויפן אַרום אַ סך ציגעלעך. 15) אויף אַ טעפּיך פאַר דער כנסת שטעלט פאָר שאַגאַל ישעיה הנביאס וויזיע פון „באחרית הימים": „וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ" אאַז"וו. 16) אין אַ מאָ־זאַיִק פאַרן דיל פון דער כנסת פיגורירט אַ באָק מיט אַ ציגעלע. 17) ציגעלעך קען מען אויך זען אין שאַגאַלס וויטראַזשן פאַר די פענצטער פון מעדיצינישן צענטער „הדסה" אין ירושלים.

אויך נישט־ייִדישע קינסטלער האָבן זיך באַנוצט מיט דעם ציגעלע־מאָטיוו, הויפּזאַכלעך בײַ סצענעס פון תנ״ך, ווי למשל, דער איטאַליענער ערנסט דע־גאַספּערי, וועלכער האָט געמאָלן די וויזיע פון „אחרית הימים״ פון ישעיה וועגן דער האַרמאָניע און שלום צווישן די פעלקער פון דער וועלט, לויט די שוין אויבן ציטירטע פּסוקים. 2) דער פראַנצויזישער מאָלער גוסטאַוו דאָרע האָט צוו״אָ אַ בילד וואָס שטעלט פאָר אַברהם אָבינו מיט פיל שאָף און ציגן, לויטן פּסוק „ואברהם כבד מאוד במקנה״ (און אברהם איז געווען זייער רײַך אין פי), בראשית יג. 3) און אויך אַ צווייט בילד: דוד המלך שפּילט אויף אַ פידל פאַר שאָף און ציגן. 4) אויך דער אַמע־ריקאַנער עדוואַרד היקס האָט מאָלערײַען אויף ביבלישע טעמעס מיט ציגן. 5) דער פראַנצויזישער קינסטלער אַריסטיד מאַילאָ האָט געמאַכט אַ האָלצשניט מיט אַ בילד פון ציגן. 6) דער פראַנצויזישער אויגוסט מילע האָט עטלעכע בילדער מיט פּאַסטוכער פון שאָף און ציגן. 7) דער באַרימטער מײַסטער פון שפּאַניע, פּאַבלאָ פּיקאַסאָ האָט געשאַפן אַ בראָנזענע סקולפּטור פון אַ באָק און אַ ליטאָגראַ־פיע פון דעם גריכישן גאָט פּאַן מיט דער געשטאַלט פון אַ ציג. 8) דער איטאַליענישער מאָלער מ. פּאַללאָטינאָ האָט אויך בילדער אויף תנ״כישע טעמעס, ווי למשל איינס מיט דער אויפשריפט „ואני הייתי מבין והנה צפיר־העזים בא מן המערב על פני כל הארץ״ (דניאל ח, ה), וואָס הייסט: און ווי איך האָב דאָס באַטראַכט, ערשט אַ ציגנבאָק איז אָנגעקומען פון מערב־זײַט איבערן געזיכט (אויבערפלאַך) פון דער גאַנצער ערד, (זע ז. 21). 9) דער קינסט־לער י. ל. פּאַרטער האָט האָלצשניטן מיט בילדער פון ציגן מיט דער אונטערשריפט „פעלדער פון שאָף אין בית לחם״, און „ציגן בײַ בעדואינער״. 10) דער ענגלישער דאַוויד ראָבערטס האָט אַ ליטאָגראַפיע אויך מיט בעדואינער־פּאַסטוכער פון ציגן. 11) און ווידער אַ מאָל אחרון, אחרון — דער געניאַלער האָלענדישער מאָלער, רעמבראַנדט, האָט אויך בילדער פון תנ״ך, ווי למשל משה

פּאַשעט די שאָף און ציגן אין מדבר ביַים סנה, יוסף מיט זיַינע ברי־
דער ביַי די שאָף א״אַ. אַזוי אויך איַינדרוקספולע צייכענונגען צו די
פּסוקים: וישסעהו כשסע גדי — ער האָט אים צעריסן ווי מ׳צע־
ריַיסט אַ ציגעלע (שופטים יד, ו) און „ויחבקהו ויפל על צוארו (ער
האָט אים אַרומגענומען און איז אים געפאַלן אויפן האַלדז (ברא־
שית לג, ד). אויך אויף דעם לעצטן בילדל פיגורירט אַ ציג.

די ציג אין דער אַסטראָלאָגיע
און אין דער געאָגראַפיע

נאָך אין אָנהייב איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, ווי די ציג איז געשטיגן, ווי מ׳זאָגט ad astra טאַקע צו די שטערן ממש, און איצט איז כדאי דאָ אונטערצושטרײַכן איר באַדײַטונג אויך אין דער אַסטראָלאָגיע. די ציג (גדי, Capricorn) איז איינער פון די 12 סימנים פון דעם גלגל־המזלות (חיות־קרײַז = Zodiac), איבער וועלכן עס קרײַזט די זון אין פאַרלויף פון יאָר. די דאָזיקע שטערן־קאָנסטעלאַציעס זענען געווען אַן אָביעקט פון קולט אין גאַנצן אָריענט, געדינט פאַר אַ באַזע פון אַסטראָלאָגישע פּאָרויסזאָגונגען (שטערנזעערײַ) און אויך פאַר אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַציעס.

דער גלויבן אין די מזלות שטאַמט פון בבל און איז געווען באַקאַנט אויך בײַ די פּאַרצײַטיקע ייִדן. מאָלערײַען פון גלגל־המזלות מיט נאָך אַנדערע פאַרשידענע באַפּוצונגען האָבן זיך געפונען און דורך אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען זענען געוואָרן אַנטדעקט ווי געפלאַסטערטע אויף פּאָלן אָדער ווענט פון בתי־כנסת (שילן), פון וועלכע די שענסטע, דאַכט זיך, איז אין בית אלפא.

די 12 מזלות פיגורירן הײַנט כמעט אין יעדן לוח (יאָר־קאַלענדאַר). אַ געבוירענער אונטער דעם מזל גדי איז, לויט דער אַסטראָלאָגיע, אַן ערנסטער און באַשיידענער מענטש, אָפט מיט אַ מעלאַנכאָלישן אויסזען ווי אַ מעלאַנכאָלישע ציג. אַזאַ מענטש איז בדרך

כּלל אַנגענעם און גוטמוטיק. אַמאָל איז ער געווען באַטראַכט פאַר אַ פּערזאָן מיט סעקסועלע נייגונגען, אַ בעל־תּאווה און נישט תּמיד געטריַי זיַין פרוי.

אַגב, ס'פאַראַן אַ סבֿרה, אַז צווישן אַ ציג און אַ פיש עקזיס־טירט אַ געוויסע קרובֿהשאַפט, היינו אַז די ציג זאָל זיַין אַ וויַיטער גילגול פון אַן אורשפּרינגלעך ים־באַשעפעניש, ציג־פיש. די דאָזיקע השערה שטיצט זיך אויף עטלעכע מאָלעריַיען, וואָס שטעלן פאָר אַ ציג מיט דעם אונטערשטן טייל קערפּער אין דער פאָרעם פון אַ ווידל פון אַ פיש.

אַזוי ווערט געבראַכט אין בוך Fate and Prediction (זע ביבליאָ־גראַפיע!) אַ בילד אַרויסגענומען פון אַ מיטלאַלטערלעכער אַסטראָ־לאָגיע (געפינט זיך היַינט אין בריטיש מוזעאום), וואָס וויַיזט אַ ציג מיט אַ ווידל, פונאַנדערגעטיילט אין 3 חלקים.

אויף אַ צווייט בילד זעט מען, אַז אין דעם ריַיטוואַגן פון דעם וואַסער־גאָט ס אַ ט ו ר ן, געשפּאַנט מיט דראַקאָנען, פיגורירט אין איינעם פון די רעדער אַ ציג מיט אַ ווידל פון אַ פיש.

אין דעם אויבן דערמאָנטן בוך ווערט אויך געבראַכט אַ בילד פון אַ ציג מיט אַ גריווע פון אַ לייב און אויך פאַרענדיקט מיט אַ ווידל פון אַ פיש, געשפּאָלטן אין 3 טיילן.

דער פּלאַנעט סאַטורן ווירקט אויס זיַין איַינפלוס אויף דער וואַסער־ספערע פון די דריַי שכנותדיקע מזלות: גדי (קאַפּריקאָרן), דלי (אַקוואַריום) און דגים (פּיסציס — פיש), ד.ה. אין דער ציַיט פון 21־טן דעצעמבער ביז דעם 20־טן מערץ, היינו אין ווינטער און רעגן־סעזאָן.

אין דער אַרכעאָלאָגישער אויסגראָבונג פון דוראַ־אייראָפּוס (היַינט טערקיי), האָט מען געפונען אַ בית־הכּנסת פון בערך 3־טן יאָרהונדערט. אויפן אונטערשטן טייל פון די ווענט זעט מען אַ געמאָלן בילד פון אַ ציג מיט אַן עק פון אַ פיש.

(אַגב, איז אין דער מוטאַציע פון די אותיות פון וואָרט דג אויף

גד(י) — דג־גד פֿאַראַן עפּעס אַ רמז אויף דער אָנגעגעבענער סברה? דרשני!).

דער ציג־מאָטיוו דערשײַנט אויך אין אַ געוויסער מאָס אין דער געאָגראַפֿיע:

דער נאָמען פֿון דער אָאַזיס אין דעם אַרומיקן מדבר, עין־גדי, שטאַמט פֿון דעם, וואָס אין דער דאָזיקער פּרוכטיקער געגנט מיט גוטע פּאַשע־פּעלדער און רײַכע וואַסער־קוואַלן האָבן זיך געפּי־טערט אַ סך ציגן.

דאָס זעלבע באַציט זיך אויך צו דעם שיינעם, וועלט־באַרימטן אינדזל אין איטאַליע, קאַפּרי, וואָס זײַן נאָמען נעמט זיך פֿון וואָרט capra, אין איטאַליעניש: ציג.

די ציג אין מײַן גורל

צום סוף — האַלט איך פּאַר מײַן פליכט צו ווידמען דער ציג אַ פּאָר ווערטער פון אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. דאָס דאָזיקע באַשעפעניש האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין דער קריטישסטער צײַט פון מײַן לעבן.

נאָך דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע־אַקציע פון געטאָ, האָבן מיר, אַ גרופּע פון פיר מענטשן, געפונען אַ מקום־מקלט, אין אויסנעמלעכע אומשטענדן, בײַ אַ פּאָליאַק, אַ קריסט, אין דער נישט־ייִדישער געגנט פון דער שטאָט.

אין דער קאַמער און שטאַל, אין אַן אָפּגעטיילטן שטיקל פּלאַץ, האָבן מיר זיך מיט דער הילף פון באַלעבאָס געמאַכט אַ באַהעלטעניש, און אויסער דעם, פּאַר נאָך מער זיכערקייט, אויך נאָך אַ מין „בונקער בתוך בונקער", אין אַן ענגן, פינצטערן גרוב, אויך אַ גוט פאַרמאַסקירטן.

אין דער שטאַל, האַרט לעבן אונדזערע בונקערס איז געשטאַנען אַ שניי־ווײַסע, גוט געפלעגטע ציג. מיט איר אָפּטן מעקען און שאָרכן און פּאָרקען מיט די פיס האָט זי פאַרטויבט אונדזערע שטימען, די קרעכצן און זיפצן, די שלאָכצן און געוויינען און צומאָל אַפילו צאַנקערײַען און דיסקוסיעס אין נישט פאַרזיכטיק אויפגעהויבענע טענער, צווישן פיר דערוואַקסענע מענטשן פון פאַרשידענע כאַראַקטערן, מיינונגען און אַנשויאונגען, גלויביקע און פרײַע.

דאָס האַלטן אַ ציג אין שטאַל, ברענגען איר עסן און טרינקען און באַזאָרגן מיט דער נויטיקער באַדינונג, דאָס קומען יעדן טאָג

זי צו מעלקן — דאָס אַלץ האָט געגעבן אונדזער באַלעבאָס אַן „אַליבי״ און אַ באַרעכטיקונג אין די אויגן פון די שכנים פאַר זײַנע אָפטע גענג צו דער שטאַל. יעדעס מאָל, ווען ער איז צו אונדז אַרײַנגעקומען, האָט ער דעמאָנסטראַטיוו געלאָזט ברייט צעעפנט דעם טויער, מען זאָל הערן די קולות פון דער ציג און דאָס קוואַקען פון די עופות און מ׳זאָל זען, אַז ער האָט גאָרנישט קיין פאַר־באָרגנס.

און אחרון, אחרון, מיר האָבן אויך נישט איין מאָל געגאָסן פון דער פרישער, נאָך שוימענדיקער, זיסינקער מילך, וואָס דער באַלע־באָס האָט באַוויליקט אונדז צוצוטיילן (פאַר אַ באַצאָלונג, פאַר־שטייט זיך). דאָס איז געווען אונדזער אַמאַלטעיאַ... מיר האָבן זי זייער גערן געהאַט און איר געוווּנטשן דאָס בעסטע.

נאָך דער באַפרײַונג, ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם בונקער, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזער באַשיצערין מיט טיפע געפילן פון דאַנקבאַרקייט.

אונדזער „קוואַרטעט״, ד.ה. מיר אַלע פיר, האָבן זיך פײַערלעך צוגעזאָגט, דאָס מילדע און ווײַס־תמימותדיקע באַשעפעניש תמיד צו געדענקען צום גוטן.

מעגלעך, אַז די טיף אין מײַן האַרץ פאַרנעסטעטע סענטימענטן פאַר אונדזער ציג, האָבן באַווירקט אויף אַ מיסטעריעזן אופן מײַן דראַנג, נאָך צוריק מיט אַ היפּשער צײַט, צו מאַכן אַ פרײַע איבער־זעצונג פון דער טראַדיציאָנעלער „חד גדיא״ און איצט די דאָזיקע פּאָרש־אַרבעט.

אפשר איז פאַראַן אַ פּסיכישע באַזע פאַר דעם אינערלעכן אימפּעראַטיוו צו געבן אַ ליטעראַרישן אויסדרוק פון מײַנע געפילן לגבי דעם ליבן באַשעפעניש, וואָס האָט אונדז אַזוי גוט געדינט אין די גורלדיקע טעג פון אונדזער לעבן.

ביבליאָגראַפיע

יידישע :

אויערבאַך אפרים, „דאָס יידישע ציגעלע" אין „גילדענע שקיעה", ציטאַט, י. ח. בילצקי, „איציק מאנגר", (העברעיש), ז. 314.

איינהאָרן דוד, „אַ רגע רו" אין „ליטעראַטור און קאַמף" פון א. ליטוואַק, פאַרלאַג „וועקער", ניו־יאָרק, 1933.

אָשעראָוויטש הירש, "פאַר נאַכט" אין „געזאַנג אין לאַבירינט", תל־אביב, 1977.

אָשעראָוויטש, הירש „ציגעלע, מיגעלע, ווו ביסטו ?" און „צוויי ציגעלעך" אין „אין דער וועלט פון עקדות", תל־אביב, 1975.

אָשעראָוויטש, הירש, „חד גדיא" אין „ביים עץ הדעת", תל־אביב, 1981.

בילעצקי, י. ח., „דאָס ציגעלע" און „דאָס ציגעלע פון דער הגדה", כתב־יד, אַרכיוו פון מחבר.

בילעצקי, י. ח., „40 באַלאָנען", פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תל־אביב, תשמ"ו־1985.

בעקער, אַברהם, „חד גדיא" אין „שיר השירים, אקדמות, חד גדיא", תל־אביב, 1984.

געבירטיק, מרדכי, „היי ציגעלעך" אין „מיר זינגען", לידער־זאַמלונג פון מיכל געלבאַרט, אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק און אין „מיר טראָגן אַ געזאַנג" פון חנה גאָרדאָן־מלאָטעק.

גאָלדפאַדען, אַברהם, „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", ציטאַט פון „שולמית", אָדעסאַ, 1883 און „שולמית און אויסגעקליבענע שריפטן", בוענאָס איירעס, 1963.

גאָלדשטיין, דוד, „געווען אַמאָל אַ מעשׂה" אין „צוקונפט", ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1931.

גלאַנץ לעיעלעס, אהרון, „יידישער קאַראַוואַן", אין י. ח. בילצקי, „איציק מאנגר", ווי אויבן, ז. 289.

גראַדע, חיים, „חד גדיא" אין „דורות", פוילן, 1939, און אין „לידער און פאָעמעס", ניו־יאָרק, 1945.

העלער, בינם, „ביים וויגל זענען ציגעלעך געשפרונגען", אין „ביים ראַנד", וואַרשע, 1950.

ווייבינגער, פריד, „ציגן האָבן ליב פאָעזיע" אין „ערב עי"ן", תל־אביב, 1985.

זעלצער, חיים, „די ווילדע ציג", „דער שטריקלדרייער", „דער אוצר" און „דער ווײַסער בער און די שוואַרצע ציגן" אין „שטערן אויפן ירידן אָדער די פעסטונג פון חכמה", פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, 1985.
חרץ, מאיר, „ציגעלע־מיגעלע" אין „געקליבענע לידער און געציילטע פּאָע־מעס", ירושלים־תּל־אביב, תשמד־1983 און „אונטער יאַנקעלעס וויגע־לע" אין „הימל און ערד", פאַרלאַג „אייגנס", ירושלים, 1973.
טאָפּ, שמואל, „שיינע וועלט", כתב־יד פון מחבר.
כּהן, י. ל., „ייִדישער פאָלקלאָר", רעדאַקטאָר י. ל. כּהן, ייִוו"אָ, ווילנע, 1938.
כּ"ץ, אַלעף, „ציגעלע־מיגעלע" אין „איציק מאנגר" פון י. ח. בילצקי, ווי אויבן.
לאַנדוי, זישע, „דאָס ליד פון ווײַסן ציגעלע", ציטאַט, י. ח. בילצקי, ווי אויבן, ז. 287.
לוקאָווסקי, י., „חד גדיא" אין הגדה, אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק, 1948.
ליבינזאָן, זאַלמען, „אַ גילגול פון אַ ליד", אין סאָוו. היימלאַנד, נר. 11, 1982.
ליטוואַק, א., זע איינהאָרן, אויבן.
לייוויק, ה., „און אַ ייִנגעלע וועט זיי פירן" און „חד גדיא" אין „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים", בוענאָס־איירעס, 1955.
לייוויק, ה., „דאָס ציגעלע" אין „אַלע ווערק פון ה. לייוויק", אַרויסגעגעבן פון לייוויק־יובילײ־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, ת"ש־1940, ז. 607.
מאַנגער, איציק, „דאָס ליד פונעם ציגעלע" אין „וואָלקנס איבערן דאַך", פאַרלאַג „אַליינעניו", טשערנאָוויץ־וואַרשע־לאָנדאָן, 1942, און „מײַן מאַמע" אין „שטערן און שטויב", ניו־יאָרק, 1967.
מאַנגער, איציק, „שׂרה זינגט יצחקלען...", „די באַלאַדע פון פּעטליוראַ" און „יתומים".
אין „ליד און באַלאַדע", אויסג' פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תּל־אביב, 1976.
מאַלאַדאָווסקי, קאַדיע, „מאַרצעפּאַנעס", מעשׂהלעך און לידער, פאַרלאַג „ציקאָ", ניו־יאָרק, 1970.
מאַרקיש, פּרץ, „צו אַ ייִדישער טענצערין" אין „שפּיגל אויף אַ שטיין", אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע און פּראָזע פון 12 פאַרשידענע ייִדישע שרײַבער אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, תשכ"ה־1964.
אויך אַן אויסגאַבע פון פאַרלאַג „מסדה", תּל־אביב, 1976 און „ירושע", פאַרלאַג „איקוף", בוענאָס איירעס, 1959.
מאַרקיש, פּרץ, „די קופּע", קולטור־ליגע, וואַרשע 1921, ביבליאָפילישע אויסגאַבע פון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים בשותפות מיט בית הספרים הלאומי בירושלים.
מאַרקיש, פּרץ, „סתם", קולטור־ליגע, וואַרשע, 1922.
מאַרקיש, פּרץ, „מיך האָט פאַרנאַרט" און „נעכטיקע טעג" אין „שווערלן", קיִעוו, אידישער פאָלקס־פאַרלאַג, תרע"ט־1978.

מענדעלע מוכר ספרים, ציטאַט, אין „דאָס קליינע מענטשעלע", איקוף־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1946.
סאַנדעל, יוסף, „פלאַסטישע קונסט ביי פוילישע ייִדן", פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", ניו־יאָרק, 1964.
סוצקעווער, אַברהם, ציטאַטן אין „אין פײַער־וואָגן", תל־אביב, 1952.
סיגאַל, י. י., ציטאַט אין „אין הויז פון די פשוטע", אין „איציק מאנגר" פון י. ח. בילצקי, ווי אויבן, ז. 311.
סיגאַל, י. י., „שלאָף מײַן קינד" אין „לעצטע דורות", מאָנטרעאַל, 1953.
פאַפּיערניקאָוו, יוסף, „לאָזט מיך ענדיקן...", אין „איבער חורבות", פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1967.
פיכמאַן, יעקב, „קבר רחל" אין „וואָרצלען", אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש שאַפן אין ישׂראל, צונויפגעשטעלט דורך אריה שמיר, תל־אביב, 1966.
פרידמאַן, יעקב, „בײַם ירדן", אין „וואָרצלען", ווי אויבן.
פרץ, י. ל., ציטאַט אין „מאָניש" אין בוך „פון שטוב און גאַס", ווילנע, 1927.
פרץ, י. ל., „ציקעלע" אין „לידער און באַלאַדעס", ווי אויבן.
צייטלין, אהרן, „חד גדיא" אין „געזאַמלטע לידער", 3־טער באַנד, פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1957.
צעסלער, שמואל, „חד גדיא" אין „הגדה", אויסגאַבע פון צוויש"אָ און שלום עליכם־שולן, בוענאָס איירעס, 1950.
קאָנסטאַנטינאָווסקי, משה, ציטאַט פון אַ וויגליד אין „לידער־בוך", בוענאָס איירעס, 1947.
קאַץ, בנימין, „אונטער מײַן לידיק וויגעלע" אין „אונטער יאַנקעלעס וויגע־לע" פון
קאַפּשטיין, שׂרה און קאַץ, בנימין, „אַנטאָלאָגיע פון וויגלידער", ניו־יאָרק־תל־אביב, 1976.
קולבאַק, משה,„ליד וועגן ציגעלע", ציטאַט, י. ח. בילצקי, ווי אויבן, ז. 312.
שטוקער־פּאַיוק, מאַשאַ, „די ציגן פון חנינא בן דוסא" אין „גוט יום־טוב", לידער און לעגענדעס, בוענאָס איירעס, 1957.
שלום עליכם, „דער פאַרכישופטער שנײַדער" אין „אַלע ווערק פון שלום עליכם", פֿאַרווערטס־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1944.
שולשטיין, משה, „ייִדיש וויגליד אין 16־טן יולי" אין „אַ בוים צווישן חורבות", פּאַריס, 1947.

תנ"ך — איבערזעצונג פון יהואש.

העברעיִשע:

בודנהיימר, שמעון, „החי בארץ ישׂראל", דביר, תל־אביב, 1953.
ביאַליק, ח. נ., „ספר האגדה", מבחר האגדות שבתלמוד ובמדרשים, תל־אביב, תרצ"ו.

ביבליאָגראַפיע

בילצקי, י. ח., „איציק מאנגר", ישׂראל־בוך, תל־אביב, תשל"ו־1976.
גפן, מנשה, „מתחת לעריסה עומדת גדיה", ספרית פועלים, תל־אביב, 1986.
וילנאי, זאב, „אנציקלופדיה לידיעת הארץ", הוצאת „ידיעות אחרונות", ירושלים־תל־אביב, תשט"ו־1956.
זהר, צ. וקולב, א., „הגראפיקה הישׂראלית", ספרית פועלים.
יעקובוביץ, א. ל., „עולם האגדה", ספר מיתולוגיה, הוצאת שלמה שרברק, תל־אביב, 1951.
ססיל רות, בצלאל, „האמנות היהודית", מסדה, תל־אביב, תשכ"א.
עמישי־מייזליש, זיוה, „יעקב שטיינהרט", דביר, ירושלים־תל־אביב, תשמ"ב.
פאראנדובסקי, יאן, „מיתולוגיה, אגדות יוון ורומה", הוצאת א. זלקוביץ, תל־אביב.
פליקס, יהודה, „הצומח והחי במשנה", הוצאת המכון לחקר המשנה, ירו־שלים־תל־אביב, תשל"ב.

פרעמדשפּראַכיקע:

Alexander Nikolajewicz Afanasiew — *Narodnie ruskie skazkie,* t. 1. Moskwa, 1957-1958.

Ludwig Arnim und Klemens Brentano — *Des Knaben Wunderhorn,* Heidelberg, 1805-1808.

J. Chevalier — *Dictionnaire des Symbols,* Seguers, 1973.

Jean Paul Clébert — *Bestiaire Fabuleux,* Albin Michel, Paris 1971.

H. R. Davidson — *Gods and Myths of Northern Europe,* Pinguin Books, England, 1964.

Maurice H. Fabridge — *Studies in Biblical and Semitic Symbolism,* London, 1923.

Fred Gettings — *Fade and Prediction,* N.Y. Exeter Books, 1980.

Sergius Golowin — *Symbole aus dem Sagenkreis der weisen Frauen,* Lexicon der Symbole, Fuorier-Verlag, Wiesbaden.

Goodenuogh — *Jewish Symbolism in Greco Roman Period.*

Michael Grant and John Hazel — *Who's Who in classical Mythology,* Weidenfeld and Nicholson, London, 1973.

Robert Graves — *Introduction in New Larousse Encyclopaedia of Mythology.*

James Orchard Halliwell — *The Nursery Rhymes of England,* 1882.

Edith Hamilton, *Mythology,* A Menton Book, New York, 1940, 1942.

Heinrich Heine — *Der Rabbi von Bacharach,* Sämtliche Wercke, Band 2, Winkler-Verlag, München.

K. Kohler — *Sage und Song im Spiegel des jüdischen Lebens,* Zeitschrift für die Juden in Deutschland, Jewish Encyclopaedia, T. VI, pp. 127, 128.

Marianne Oesterreicher-Mollwo — *Herder-Lexicon der Symbole,* 1978.

Manfred Lurker — *Wörterbuch der Symbolik,* Kröner-Verlag.

Alexander S. Murray — *North and Old German Mythology,* Tudor Publishing Company, New York.

W.H.D. Rouse — *Gods, Herd and Men in ancient Greece,* New American Library, New York, 1957.

Maximilan Rudwin — *The Devil in Legend and Literature,* The Open Court Publishing Co., Illinois, 1959.

אינדעקס פון נעמען

אגני 15
אדוניס 10
אַדין 13 14
אַדלער, הערמאַן 41
אהרון הכהן 127
אויערבאַך, אפרים 103
אַטענאַ 12
איינהאָרן, דוד 52 103
אַמאַלטעיאַ 9 29 30 31 152
אמון 16
אַנדערסען, האַנס קריסטיאַן 11
אַפּאָלאָ 10 12
אַפּאַנאַסיעוו, אַלעקסאַנדער ניקאָ־
לאַיעוויטש 44
אַפראָדיטע 10 11 12
אַשעראָוויטש, הירש 104 106 107
108 110 111 112

באַקכוס 10 11
ביאַלאָסטאָצקי, ב. י. 97
בילעצקי, בילצקי, י. ח. 7 33 51
56 58 80 103 112 113 117
119 125 127 128 134
בעקער, אַברהם 5 6 7
בערנשטיין, משה 98 140
בערנשטיין, ש. 98
ברענטאַנאָ, קלעמענס 39
גאָדלפאַדען, אַברהם 99 102

גאָלדשטיין, דוד 115
גוטמאַן, נחום 140
גלאַנץ־לעיעלעס, אהרון 56 58 59
גליצענשטיין, חנוך (הענריק) 140
געבירטיק, מרדכי 53
געלבאַרט, מיכל 53
גפן, מנשה 33
גראַדע, חיים 116 117 125
גראָס, חיים 140
גראָסבאָרד 86

דאַפניס און קלאָע 144
דאָרע, גוסטאָוו 146
דוד המלך 22 146
דיאַנאַ 141
דיאָניזעס 10 11
דע־גאַספּערי, ערנסט 146
דעניקין 103
דריז, שיקע 118

האָליוועל, דזשעמס אַרכאַרד 42
היידרום 13
היינע, היינריך 15 40
היקס, עדואַרד 146
הלל, תנא 37
העלער, בינם 54
הערא 9 12
הערמעס 12

וואַרשאַווסקי, מאַרק 48
וויינינגער, פּריד 84
וועָנוס 10

זיגעלבוים, אַרטור 128
זינגער, שיקעלע 89
זעוס 9 10 14 31
זעלצער, חיים 87
זשיטניצקי, מאַרק 140

חנינא בן־דוסא 22 23 24 25 26
חרץ, מאיר 82

טאַפּ, שמואל 118
טהאָר 14
טישינסקי, דוד 140
טקאַטש, מאיר־זימל 119

יהואש 20 21 123
יהושוע בן־נן 98
יהודה 19
יוחנן, ר׳ 27
יונאָ 9
יופּיטער 9 29
יעזוס (ישו) 11
יעקב 70, 141
ישעיהו 111 122 123 145 146
יתרו 18

כהן, י.ל. 81 95
כ״ץ, אַלעף 54 56 119
כ״ץ, קאַץ, בנימין 54 136

לאַבקאָווסקי, דוד 140
לאַנדוי, זישע 56
לונאָ 110
לוקאָווסקי, י. 46
לי, מלכּה 99
ליאָקעם, בדחן 129
ליבינזאָן, זאַלמען (זלמן) 44
ליטוואַק, א. 52
לייוויק, ה. 120 121 123
ליסיצקי, אליעזר 140 141
לעהמאַן, רודאָלף 141
לערער, יאַנקל 129

מאַילאָ, אַריסטיש 146
מאַלאַדאָווסקי, קאַדיע 5 59 61 62
מאַנגער, איציק 6 33 34 55 56
58 59 63 64 66 72 74 80 93
102 104 125 126 127 128 130
מאַרסיאַס 12
מאַרקיש, פּרץ 100 102 131
מידאס 12
מילע, אוגוסט 146
מענדעלע מוכר ספרים 51
מערזער, אריה 140 141
משה רבנו 18 22 146

נאַדיר, משה 101
נאָטל 64 65
נח 55 62 63

סוצקעווער אברהם 68, 69, 102
סטעלאָ פראַנק 141
סיגאל י.י. 133
סילענע 10

ענדימאָן 10
עסקולאַפּ 10

פּאַן 10 11 12 16 146
פּאַלאַטינאַ מ. 146
פּאַפּיערניקאָוו, יוסף 134
פּאָרטער, י. ל. 146
פּאַריס 12
פּיקאַסאָ, פּאַבלאָ 146
פּעטליוראַ 125
פּריאַם 12
פּריאַפּוס 12
פּרץ, י. ל. 38 50 73 74 80

פיכמאַן יעקב 70 136
פרידמאַן, אַדעלאַ 135
פרידמאַן יעקב 71 72
פעפער, איציק 135

ציטלין, אהרן 74
צעסלער, שמואל 45
קאָהלער, ק. 41 42
קאַלניק אַרטור 140

קאָנסטאַנטינאָווסקי משה 137
קאַפּלאַן, תנחום (אַנאַטאָלי) 140 142
קאַפּשטיין, ברכה 54
קולבאַק, משה 78 79 80

ראָבערטס, דאַוויד 146
ראָמולוס 29
רובין, ראובן 143
רעמבראַנד 146
רעמוס 29

שאַגאַל, מאַרק 140 141 143 144 145
שולשטיין, משה 138
שטוקער־פּאַיוק, מאַשאַ 22
שטיינהאַרט, יעקב 143
שטערנבערג יעקב 138
שלום עליכם 93
שלמה המלך 20
שמעון בן לקיש, ר׳ 28
שמעון אלי 93

תמר 19